STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01388

IN ZIKH

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Goldie Blanksteen
in memory of
Francis Heller

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין זיך

א זאמלונג אינטראָספּעקטיווע לידער

JUL 19 1935

51 J35 COP. 1

1920

פון

9

מ. אַפראַנעל
אל. גוריה
יעקב גלאַטשטיין
בערנאַרד לואיס
ראובן לודוויג
א. לעיעלעס
נ. מינקאָוו
יעקב סטאָדאָלסקי

4736

אַרויסגעגעבן פון מ. נ. מייזעל פאַרלאַג, ניו־יאָרק.

דאָס דאָזיגע בוך ווערט
געדרוקט אין 700 עקזעמ־
פּלאַרען, פון וועלכע דאָס
איז נומער ———

318

Copyright, 1920
Max N. Maisel, New York

אינהאַלט:

אינטראָספּעקטיוויזם	5
מ. אָפּראַנעל	31
אַל. גוריה	41
יעקב גלאַטשטיין	51
בערנאַרד לואיס	69
ראובן לודוויג	77
א. לעיעלעס	95
נ. מינקאָוו	121
יעקב סטאָדאָלסקי	139

13325 - 9

אינטראָספּעקטיוויזם.

אַרויסקומענדיג מיט אַט דער זאַמלונג, האָבען מיר בעדייע צו אַנטוויקלען אַ באַשטימטע ריכטונג אין דער אידישער פּאָעזיע, אַ ריכטונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען די לעצטע פּאָר יאָהר אין די אַרבייטען פון אַ געוויסער גרופּע אידישע דיכטער, און וועלכע מיר ווע‍לען פון איצט אָן באַצייכענען מיט אַ באַזונדערען נאָמען. מיר רופען זי אינטראָספּעקטיווע ריכטונג, ווייל אַט דער נאָמען איז אינקלוזיוו גענוג פאַר אַ גאַנצער רייה אינדיווידועלע שאַטירונגען און ניואַנסען.

מיר ווייסען גוט, אַז אינטראָספּעקטיווע לידער שטעלען מיט זיך ניט פאָר קיין שום נייעס אָן און פאַר זיך. אַלע פּאָעטען פון אַלע צייטען האָבען ביי באַשטימטע געלעגענהייטען געשריבען אינטראָספּעקטיוו, דאָס הייסט, אַריינקוקענדיג אין זיך און פון דאָרט, פון דער אייגענער נעשאָמע און פון דער וועלט, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם דיכטערס זעל, געזונגען און גע־דיכטעט. אויך אין דער נייער אידישער פּאָעזיע זענען פאַראַן גענוג אינטראָספּעקטיווע לידער, כאָטש די דיכטער האָבען זיך מיט אַט דעם נאָמען און מיט אַט דער באַצייכענונג ניט באַנוצט.

דער אונטערשיד אָבער צווישען אונז און די אַנדערע פּאָעטען, סיי אידישע און סיי ניט־אידישע, סיי מאָדערנע, סיי אַלטע, באַ־שטעהט אין דעם, וואָס מיר ווילען ספּעציעל זיך אָפּגעבען דער אַנטוויקלונג, דער פאַרטיפונג און דער אויסברייטונג פון דעם אינ־טראָספּעקטיווען מעטאָד.

די וועלט איז דאָ און מיר זענען אַ טייל פון איהר. פאַר אונז עקזיסטירט אָבער די וועלט בלויז אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זי שפּיגעלט זיך אָפּ אין אונז, אויף וויפיעל זי ריהרט אונז אָן.

די וועלט איז א ניט־עקזיסטירענדע קאטעגאריע, א ליגען, אויב זי האט ניט מיט אונז קיין שייכעס. זי ווערט אן אקטועלע זאך בלויז א י ן אונז און ד ו ר ך אונז.

אט דער אלגעמיינער פילאזאפישער קלאל איז דער הויפט־פונ־דאמענט פון אונזער ריכטונג. איהם ווילען מיר שטרעבען צו אנטוויקלען אויף א פאעטישען אופן.

פאעזיע איז ניט בלויז פיהלען און עמפינדען, נאר אויך, און עפשער הויפטזעכליך, די קונסט פון אויסדריקען אויף אן אדעקוואַ־טען אופען דאס פיהלען און דאס עמפינדען. עס איז ניט גענוג צו זאגען, אז אלע ערשיינונגען זענען אויף אזוי פיעל עקזיסטירענד, אויף וויפיעל זיי טרעטען אריין מיט אונז אין אן ארגאנישער פאר־העלטעניש. דער פאעט האט די הויפט־אויפגאבע אויסצודריקען אט די ארגאנישע פארהעלטעניש אויף אן אינסטראספעקטיווען און א ריין־אינדיווידועלען אופען. א ו י ף א ן א י נ ט ר א ס־פ ק ט י ו ו ע ן א ו י פ ע ן, און דערמיט מיינען מיר, אז דער פאעט דארף אויפריכטיג זיך צוהערען צו זיין אינערליכער שטים, זיך צוקוקען צו דער אינערליכער פאנאראמע, קאליידאסקאפיש, ווידערשפרעכענד און אומקלאהר אדער צוטומעלט, ווי זי זאל ניט זיין, און זעהן דערפון צו באשאפען יענע ריכטונג, וואס זאל גע־בען דעם רעזולטאט סיי פון דער באהעפטונג פון דעם פאעטס זעל מיט דער ערשיינונג, וועגען וועלכער ער זינגט, סיי פון דעם אינ־דיווידועלען בילד, אדער גרופע פון בילדער, וואס ער זעהט בעאיים מייסע א י ן ז י ך.

וואס פאסירט אינדערעמעסען אין דער זעל פונ׳ם פאעט, וועלכער געפינט זיך אונטער דער באווירקונג אדער איינפלוס פון א געוויסער ערשיינונג?

אויף דער שפראך פון אונזערע היגע „יונגע" ווערט דערפון באשאפען א ש ט י מ ו נ ג. דער פאעט, לויט אט דעם בליק, דארף אלזא אויסדריקען, איבערגעבען די שטימונג. ווי אזוי? אויף א קאנצענטרירטען אופען און אויף א פארוונדעלטען. די דאזיגע

קאָנצענטרירונג און פּאָרוונדלונג ווערן באַטראַכט אַלס די נויטיגע באַדינגונגען, פּאָרבאַדינגונגען, אָהן וועלכע דעם דיכטערס שטימונג קאָן ניט האָבען קיין אַלגעמיינעם, אָדער צו געבען אַ שפּרונג צו די באַגריפען פון נאָך עלטערע פּאָעטען: אַ י י ב י ג ע ן ווערט.

אָבער אַט דער מעטאָד, געגוג ווי ער איז געווען און פּאָרבלייבט צו שאַפען פּאָעטישע וויניעטקעס, דיכטערישע אַראַבעסקען, איז אין טאָך געגומען ווייט ניט געגוג און ווייט ניט עמעס. פון אונזער שטאַנדפּונקט איז אַט דער מעטאָד אַ ל י ג ע ן.

פּאַרוואָס?

ווייל די שטימונג און דאָס ליד וואָס רעזולטירט פון אַזאַ אויפ־פּאַסונג און מעטאָד מוז אומפּאָרמיידליכערהייט געבען עפּעס אָפּ־געריסענס, אָפּגעזונדערטס, עפּעס אַזוינס וואָס אַנטשפּרעכט אין לעצטען סאַך האַקעל גאָרניט דעם לעבען און דעם עמעס.

אַזוינע לידער זיינען פּוץ און אָרנאַמענטען — אין בעסטען פאַל. זיי זענען פאַלשע גלעקלעך — אין ערגסטען פאַל.

וואָרים אַלס רעזולטאַט פון דער ווירקונג אָדער דעם איינפלוס, וואָס אַ געוויסע ערשיינונג האָט אויף דעם דיכטערס זעל קומט בעאיין אופען ניט אַ פּאָראייגצעלטע, אָפּגעטאָקטע, פּאָרוונדעלטע און קאָנצענטרירטע שטימונג. עס קומט עפּעס קאָמפּליצירטס, עפּעס וואָס איז פאַרבונדען און פאַרקניפּט מיט אַ גאַנצער פּלעיאָדע און מיט אַ גאַנצער סוויטע פון אַנדערע „שטימונגען”, פון אַנדערע געפיהלען און עמפּינדונגען. די קאָנצענטרירטקייט און פּאָרוונדלונג פון דער פּאָעזיע איז אין לעצטען סאַך האַקעל דער סימבאָל פון דעם גאַנצען ליגען, פון דעם גאַנצען, לויט אונזער אויפפּאַסונג, מוי־רעדיגען ווידערשפּרוך, וואָס הערשט צווישען ליטעראַטור און לע־בען, צווישען דער גאַנצער קונסט און לעבען.

מיר, די אינטראָספּעקטיוויסטען, ווילען אין דער ערשטער רייה געבען דאָס לעבען, דאָס עמעסע, אויפריכטיגע און גענויע — אויף אַזוי פיעל ווי עס שפּיגעלט זיך אָפּ אין אוּנז גופע, אויף אַזוי פיעל, ווי עס טרעט אריין אין אַ באַהעפטיגונג מיט אונז.

די מענשליכע פסיכיק איז א מוירעדיגער לאבירינט. אין אט דעם לאבירינט וואוינען טויזענטער וועזענס. די איינוואוינער זע־נען די פארשידענע פארמען פון דעם אינדיווידס געגענווערטיגען איך פון איין זייט, און רעשטלעך פון דעם אינדיווידס הערעדי־טערען איך — פון דער אנדער זייט. אויב מען זאל גלויבען, אז יעדער אינדיווידו האט שוין אין אזא צי אין אן אנדער פארם גע־לעבט ווען און ערגעץ וואו — און אט דער גלויבען ווערט אפט זעהר אקטועל עמפונדען פון יעדען איינעם — ווערט די צאל פון די איינוואוינער אין דעם לאבירינט פון דער מענשליכער זעל נאך גרעסער.

דאס איז דאס עמעסע ל ע ב ע ן פון דעם מענש. און אט דאס לעבען, וואס ווערט אין דער איצטיגער צייט פון גרוים־שטאדט און וואריעטעט אויף אלע געביטען, טויזענטפאכיג נאך מעהר קאמ־פליצירט און פארפלאנטערט, האלטען מיר, די אינטראספעקטי־וויסטען, פאר נויטיג איבערצוגעבען און אויסצודריקען.

אין וועלכער פארם און געשטאלט קומט די קאמפליצירטקייט פון שטימונגען, וועגען וועלכער עס איז נאר וואס גערעדט געווא־רען?

אין דער געשטאלט פון אסאציאציע און סוגעסטיע און אט דיביידע עלעמענטען האלטען מיר אויך פאר די צוויי וויכטיגסטע מע־טאדען פון דיכטערישער עקספרעסיע.

דא בעט זיך ווידער א באמערקונג.

מיר ווייסען גוט, אז פאעטען פון אלע צייטען האבען זיך בא־נוצט מיט סוגעסטיעס און אסאציאציעס. דער פרעראפאעליט ראסעטי און דער שפעטערער סווינבורן האבען אין זייער אר־בייט באדינט זיך זעהר אפט מיט אט די עלעמענטען. דאך זוכען מיר די אסאציאציע און די סוגעסטיע צו מאכען פאר די דיכטערישע הויפט־מיטלען, ווייל מיר האלטען, אז זיי זענען אם פאסיגסטען און אם בעסטען אויסצודריקען די קאמפליצירטע געפיהלען און עמפינדונגען פון דעם היינטיגען מענש.

וואָס אַנבעלאַנגט דעם אינדיווידועלען אויפען, איז ער ניט וועניגער וויכטיג, און עפשער נאָך וויכטיגער.

אַזוי וויט וועגען דעם אינטראָספּעקטיווען אויפען.

ווייל מיר פּאַסען אויף די וועלט דורכאויס עגאָצענטריש, און ווייל מיר האַלטען אַז דאָס איז דער נאַטירליכסטער, דעריבער דער עמעסטער, מענשליכסטער אויפפּאַסונגס־אויפען. האַלטען מיר, אַז דאָס ליד פון יעדען דיכטער מוז קוידעם קאָל זיין זיין אייגען ליד. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער דיכטער זאָל יעדעס מאָל טאַקע געבען דאָס, וואָס ער אַליין זעהט און ווי אַזוי ער זעהט.

אין פלוג גענומען איז דאָס אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך און אַ מין פּרערעקוויזיט פון יעדער פּאָעזיע. אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין; אָבער עס איז נים.

אין די מעהרסטע לידער, ניט בלויז אין די אידישע, נאָר אויך אין די מעהרסטע ניט־אידישע פעהלט בעעמעס די פולע אינדיווידואַליטעט פון דעם דיכטער און מעמיילע אויך פון דעם געדיכט. אין די מעהרסטע לידער פאַרטיפט זיך גאָרניט דער פּאָעט געגנוג צו זעהן דאָס, וואָס ערשיינט אין זיין אייגענער זעל. אין דעם איז עפשער שולדיג די שפּראַך, וועלכע ווירקט בעקלאַל אין אונזער לעבען ווי אַ פאַרפיהרענדע און אַפּנאַרענדע קאַטעגאָריע. ווי די מייסע זאָל אָבער ניט זיין, האַלטען מיר אַז אין דעם גאָר גרעסטען טייל פון דער גאַנצער פּאָעזיע איז דער דיכטער ניט אינדיווידועל גענוג. ער באַנוצט זיך צופיעל מיט פאַרטיגע, פאַר איהם פון פריהער צוגעגרייטע בילדער און מאַטעריאַלען. ווען דער דיכטער, אָדער אפילו אַזוי אַ מענש קוקט אויף אַ זון־פאַרגאַנג, קאָן ער זעהן די מאָדנעסטע זאַכען, וועלכע האָבען עפשער לאַכלוטין — אויבענאויף גענומען — קיין שייכעס ניט מיט׳ן זון־פאַרגאַנג. דאָס בילד, וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיין זעל, איז גאָר אַ רייה ווייט־לויפיגע אַסאָציאַציעס פון דעם, וואָס זיין אויג זעהט, אַ קיים סוגעסטיעס וואָס דער זון־פאַרגאַנג רופט אַרויס. און בעאיים דאָס, אַט די

רייה אסאציאציעס און אט די קיט סוגעסטיעס זענען דער ע מ ע ס, זענען דאס לעבען, ווי די אילוזיע איז אפטמאל דאס עמעסע לעבען און ניט די גרופע אויסערליכע ערשיינונגען וועלכע מען באצייכענט מיט׳ן נאמען לעבען, וועלען די מעהרסטע פאעטען זיך גארניט אפשטעלען אויף דעם ,וואס קומט אינערליך ביי זיי פאר, ווען זיי קוקען אויף א זון פארגאנג, נאר נעמען מאלען איהם, זוכען די פארבען, באשרייבען די דעטאלען א. ד. ג. אויב זיי זענען נאך סוביעקטיוו־געשטימטע מענשען, וועלען זיי עפשער זייער פינזעל איינטונקען אין א טראפען סוביעקטיוויטעט, אין א שטיקעל פארב פון זייער איך, מאכען א פארגלייך מיט׳ן אייגענעם לעבען, אויסדריקען א געוויסע גענעראליזאציע וועגען דעם לעבען בעקלאל, און דאס גערדיכט איז פארטיג.

צוליעב די שוין־געבראכטע גרונדען האלטען מיר אזא ליד פאר ניט עמעס, פאר שאבלאן. מיר ווילען דאווקע, אז דער דיכטער זאל אונז געבען דאס אייגענע, עמעסע בילד וואס ער זעהט ביי זיך, און געבען עס אזוי, ווי ער אליין און ניט קיין אנדערער קא׳ עס זעהן.

אויב אזא ליד וועט דאן ווערען א דאנקבארער מאטעריאל פאר דער פרויד־טעאריע, אויב מען וועט דאן געפינען שפורען פון עפעס מארבידעס, קראנקהאפטעס אין דעם דיכטער, ארט דאס אונז ניט. קונסט איז סאף קאל סאף — דערלייזונג, זאל זיין אילוזארישע דערלייזונג, אדער דערלייזונג ד ו ר ד אילוזיע. און קיין שום דערלייזונג איז ניט מעגליך אויף אן אנדער אופען, ווי דורך זיך אליין, דורך אן אייגענער אינערליכער אנשטרענגונג. בלויז אן עמעס אינדיווידועל ליד קאן זיין א מיטעל פאר זעלבסט־דערלייזונג.

2

סיי די אינטראספעקטיוויטעט פון דעם ליד סיי זיין אינדיווידואליטעט מוזען זיך באדינען מיט דער סוגעסטיע און מיט דער אסאציאציע, קעדיי צו קומען צו דעם פולען אויסדרוק. אבער די

אינדיווידואליטעט פון דעם ליד האט אויך א סאך צו טאן דערמיט. וואס איז אלגעמיין באקאנט אלס פ א ר ם .

בעעמעס איז פארם און אינהאלט איינס און דאסזעלבע. א ליד, וואס מען קאן איבערזעצן אין אן אנדער פארם איז קיין ליד ניט קיין פאעזיע. איינס איז ניט אפצוטיילען פון דעם אנדערען. צו רעדען וועגען פארם באזונדער און וועגען אינהאלט באזונדער, הייסט אייגענטליך ארונטערצופאלען אונטער דעם איינפלוס פון א לינגוויסטישען טאעס. און רעדען מיר דא יא וועגען פארם, ווי וועגען א באזונדערער זאך, איז עס בלויז צוליב באקוועמליכקייט — ווי עס איז דער פאל מיט א סאך אנדערע לינגוויסטישע טאעסען.

דער אלגעמיין באקאנטער עלעמענט פון פארם איז דער ר י ט ם. יעדעס ליד מוז זיין ריטמיש. ריטם איז דער סוד פון גאנצען לעבען און די קונסט וואס איז ניט מעהר ווי אן אויסדרוק פון לעבען, מוז זעלבסטפארשטענדליך אויך זיין ריטמיש. אבער וואס פאר ריטם זאל א ליד האבען?

אויף דעם האבען מיר איין ענטפער: דעם איינציג־מעגליכען און דעם איינציג־דענקבארען — פאר אונז יעדענפאלס. יעדעס ליד מוז האבען אן א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ן ר י ט ם. דערמיט מיינען מיר צו זאגען, אז דער ריטם פון א ליד מוז זיין אינגאנצען צו אט דעם ליד צוגעפאסט. איין ליד קאן ניט האבען דעם זעלבען ריטם, וואס אן אנדער ליד. יעדעס ליד איז אין דער ווירקליכקייט אן איינצעל־ערשיינונג, אן אוניקום.

און זעהען מיר, ווי די פארשידענסטע לידער ביי געוויסע פאעטען זענען עהנליך לויט דעם ריטם איז דאס אליין דער בעסטער סימען פון זייער אומפרוכטבארקייט און פון זייער אומשעפעריש־קייט. אויך — פון דעם פעהלען פון עמעסער אויפריכטיגקייט ביי זיי.

מיר קאנען ניט פארשטעהן, ווי אזוי ביי אן עמעסען דיכטער זאל עס מעגליך זיין, אז א ליד, וואס ער שרייבט וועגען א סאבוויי, און א צווייטס וועגען דעם זאמד ביים יאם אום זומער, און א דריטס

וועגען זיין ליבע צו א מיידעל, זאלען אלע האבען דעם זעלבען ריטם, דעם זעלבען „טאקט“. צוויי פון אזוינע דריי לידער זענען זיכער פאלש. נאך זיבערער זענען אלע דריי פאלש, ווייל אויב דער פאעט קאן דריי לידער שרייבען מיט דעם זעלבען ריטם, באווייזט דאס גופא, אז ער הערט זיך ניט צו צו דער מוזיק פון זיין אייגענער זעל, אז ער זעהט גארניט און הערט גארניט מיט זיינע אייגענע אויגען און אויערען.

מיר פארלאנגען אינדיווידועלען ריטם, ווייל בלויז דורך איהם קאן זיך אנטפלעקען דער עמעס, וואס מיר זוכען און ווילען ארויסדריקען.

דא קומען מיר צו דער פראגע, וואס האט לעצטענס צערודערט א סאך געמיטער צווישען די פאעטען פון אלע שפראכען און אויך ניט ווייניג צווישען די אידישע פאעטען. צו דער פראגע פון דעם פ ר י י ע ן פ ע ר ז.

דער פרייער פערז איז ניט קיין מוז פאר אינטראספעקטיווע לידער. עס זענען מעגליך אינטראספעקטיווע לידער אין רעגעלמעסיגען ריטם. עמעס, אַז דער רעגעלמעסיגער ריטם וועט דאן אפט ווירקען אלס א שטער, אלס א צוואנג־יאקע, אבער דער פרייער פערז אן און פאר זיך איז נאך גארניט. מיר אינטראספעקטיוויסטען גלויבען, אז דער פרייער פערז איז אם בעסטען צוגעפאסט פאר דער אינדיווידואליטעט פון דעם ריטם, און פון דעם גאנצען ליד און ד ע ר פ א ר, און ניט צוליב קיין אנדער אורזאך, ציהען מיר איהם פאר צו אנדערע פערזען.

צוליב דעם אליין איז עס שוין דער גרעסטער טאעס, אויב ניט צו זאגען אמהאראצעס, צו באהויפטען, ווי מאנכע טוען עס, אז צו שרייבען פרייע פערזען איז לייכטער ווי צו שרייבען „געבונדענע“ פערזען. אויב א פארגלייך האט דא בעקלאל א ווערט, איז ריכטיג גראד דאס פארקערטע. דעם געבונדענעם פערז, די רעגעלמעסיגע ריטמען, די אנגענומענע מעטרען איז לייכטער צו שרייבען, ווייל נאך א געוויסער ערפאהרונג „כאפט מען דעם שניט“ און עס

„זינגט זיך" שוין פון זיך אליין. ביי דעם פרייען פערז, וועלכער דאַרף באַנוצט ווערען הויפּטזעכליך פאַר דעם אינדיווידועלען ריטם איז אָבער נויטיג אַ גרויסע אָנשטרענגונג, אַן עמעסע, אינערליכע פאַרטיפונג און דערפאַר איז ער פיעל לייכטער אימשטאַנד צו פאַר־ראַטען דעם ניט־פּאָעט, פיעל לייכטער פעהיג אַרויסצוגעבען דעם אינערליכען וואַקוּאום, אויב מען האָט פאַר זיך אַזוינס.

ווען ניט־פּאָעטען נעמען זיך צום פרייען פערז, זענען זיי אויף קיין האָר ניט אין אַ לייכטערער לאַגע, ווי ווען זיי שרייבען אין יאַמ־בען, טראַכייען אָדער אַנאַפּעסטען. פאַרקערט בעאיים אין דעם צוויי־טען פאַל קאָנען זיי נאָך עפּשער אַרויסברענגען עפּעס זינגעדיגס און דעריבער פאַרט מאַכען דעם איינדרוק, אַז זיי שרייבען פּאָעזיע. זענען זיי אין דעם ערשטען פאַל אומפּרוכטבאַר פון דעם ערשטען. אָדער צווייטען מאָמענט, און זייער דורכפאַל איז אויבענאויף.

בלויז פאַר דעם עמעסען פּאָעט איז דער פרייער פערז אַ ניי, מעכטיג מיטעל פאַר עקספּרעסיע, אַ ניי, ברייטע וועלט פול מיט נאָך ניט־אָנטפּלעקטע לענדער. פאַר דעם ניט־פּאָעט אָבער איז דער פרייער פערז בלויז אַ פּאַסטקע, אין וועלכער ער פאַלט אריין ביי דעם ערשטען אָדער צווייטען פערז. זאָלען זיך די ניט־פּאָעטען היטען פון איהם!

מיר באַטאָנען נאָך אַמאָל, אַז מיר זיינען ניט געגען דעם רע־געלמעסיגען ריטם. יעדער אמת'ער דיכטער, דער אינטראָספּעקטיוויסט ווי דער ניט־אינטראָספּעקטיוויסט קאָן צומאָל פיהלען, אַז בלויז אין אַ רעגעלמעסיגען ריטם, אין אַ באַשטימטען, „געזעצלי־כען" מעטער, קאָן ער זינגען אַזאַ און אַזאַ ליד. ריכטיגער איז דאָ נאַטירליך צו זאָגען (פאַר פּאָעטען איז דאָס אַ טרואיזם) אַז ביי יעדען פּאָעט, אויך ביי דעם אינטראָספּעקטיוויסט, ז י נ ג ט ז י ך אַ ג ע ו ו י ס ל י ד אָ פּ ט אַ ר ו י ס אין אַ רעגעלמעסיגען ריטם. דאַן קעמפּט ער ניט געגען דעם. דאַן פאַרשטעהט ער בלויז. אַז אַזוי האָט געמוזט זיין, אַז אין ד ע ם פאַל איז דאָס דער עמעס, דאָס — דער אינדיווידועלער ריטם.

אויב מיר ציהען פאר דעם פרייען פערז, איז עס בלויז צוליב דעם אנגעוויזענעם גרונד. מיר האלטען בעקלאל, אז דער רעגעל־מעסיגער ריטם, דער ריטם פון אפט זיך ווידערהאלענדע טאקטען, האט זיך עפשער צוגעפאסט צום פריהעריגען לעבען, איידער עס איז געקומען די גרויס־שטאט מיט איהרע מאשינען, מיט איהר הור־הא און פארשנעלערטען, אומרעגעלמעסיגען טעמפ. יענעס לעבען איז געווען רוהיג און רוהיג־פליסענדיג, ווירקליך אין רעגעלמעסיגען ריטם, אין טאקטען, וואס האבען זיך ווידער־האלט אין קורצע, אפטע אונטערוואלען.

פונקט ווי דאס איצטיגע לעבען האט באשאפען נייע קליידער, נייע וואוינונגען, נייע פארבען־קאמבינאציעס און נייע קלאנגען־קאמבינאציעס, אזוי מוז מען שאפען א נייע קונסט און אנדערע נייע ריטמען. מיר האלטען, אז דער פרייער פערז איז אם בעסטען צוגעפאסט פאר דער באשאפונג פון אזוינע נייע ריטמען. ער איז ווי פיינער דאנקבארער גיפס, וואס די אינערליכע געשטאלט פון דעם דיכטער קאן דארט געפינען איהר גענויסטען און פולסטען טיקען.

צוליב דעם זעלבען גרונד זענען מיר אויך ניט געגען דעם גראם. דער גראם האט זיך זיין כיין און זיין ווערט. עס קאן אנדערש ניט זיין. אויב דער גייסט פון שאפענדע פאעטען האט אזוי פיעל טויזענדער יאהרען איהם בענוצט אלס איינס פון די פאעטישע מיטלען — איז אין דעם גופע פאראן דער באווייז פון זיין ווערט. מיר זאגען בלויז, אז דער גראם איז נ י ט קיין מוז. אפטמאל ווירקט ער ווי א צוואנג, און נאך עפטער ווי א פארפיהרעריש בלאנד־זשענדיג פייערעל. אין אזוינע פאלען איז ער שעדליך, און עס איז דאן בעסער ווען מען מיידט איהם אויס. ער איז גוט בלויז, ווען ער איז אם פלאץ, ווען ער וועבט זיך אריין נאטירליך אין דעם פערז. צו זוכען איהם, צו באמיהען זיך איהם דאווקע צו האבען, איז אומנויטיג, ספעציעל אין דער איצטיגער צייט, ווען מען דארף זיך ניט לערנען לידער אויף אויסענווענינ, ווען רייזענדע פאעטען דאר־

פען לידער ניט דעקלאַמירען צו אַמוזירען אַז אומוויסענדען אָדער אומפאַטעטישען אוילעם.

יעדעס מאָל ווען אַ פאָעט דערפיהלט אין זיך יאַ דעם באַרוף פון דעם רייזענדען טרובאַדור, צו דעקלאַמירען זיינע לידער פאַר אַ מעהר פרימיטיווען אוילעם, ווי אין דעם פאַל פון דעם אַמעריקאַנער דיכטער וואַקהעל לינדסיי, איז דער גראַם אַם פלאַץ און ער איז גוט.

ווידער מוזען מיר דאָ אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַ טאָעס ווי אין דעם פאַל פון רעגעלמעסיגען און ניט רעגעלמעסיגען ריטם זענען פיעל געניינט צו מיינען, אַז צו שרייבען אָהן גראַמען איז לייכטער ווי מיט גראַמען. דאָס איז פאַלש. צו מאַכען גראַמען קאָן מען זיך לייכט אויסלערנען און בעאיים מען קאָן אין אַ גראַם אָפטמאָל פאַרבאָרגען אַ נישטיג שטימונגעל, וואָס קריגט צוליעב דעם גראַם די פרעטענזיע אויף פאָעזיע, קאָן אַזאַ פאַרמאַסקירונג אין דעם גראַמלאָזען געדיכט קיין אָרט ניט האָבען. דאָרט מוז מען זיין עכטער דיכטער און עכטער שאַפער. איז מען עס ניט, גיט עס דאָס גראַמלאָזע געדיכט אַ סאַך שנעלער און אַ סאַך לייכטער אַרויס, ווי דאָס געגראַמטע.

די מעלאָדישקייט פון אַ ליד — אַ אָהן־צווייפעל נויטיגע זאַך — העגנט ניט אָפּ פון דעם גראַם. דער גראַם איז בלויז איין עלעמענט פון דער מעלאָדישקייט — און דער קנאַפסטער. די מעלאָדישקייט פון אַ ליד דאַרף אויך זיין אַ ריין־אינדיווידועלע, און זי קאָן דערגרייכט ווערען אָהן גראַמען, וועלכע מוזען נויטווענדיגערוייז פיהרען צו אַ געוויסער סטערעאָטיפּישקייט — זענען דאָך די גראַמען נאָר אַלעמען באַגרענעצט אין קוואַנטיטעט און אין קוואַליטעט.

די קאָמבינאַציע פון קלאַנגען, די אינדיווידועלע קלאַנגען־קאָמבינאַציע, איז ווירקליך נויטיג און גראָד צוליעב אונזער אינטראָספּעקטיווימעט האַלטען מיר זי פאַר אומגעוועהנליך וויכטיג. ניט נאָר פאַרניינען מיר ניט אָפּ דעם עלעמענט פון פאָעזיע. נאָר מיר זוכען איהם צו געבען אַ נייעם שוואונג — דאַווקע מיט

דער הילף פון, און דורך דער אינדיווידואליטעט פון דעם ליד.

דער מוזיקאלישער און קלאנגען-עלעמענט פון דער אידישער שפראך איז בעקלאל פארנאכלעסיגט געווארען פון די מעהרסטע פאעטען אונזערע. די אנוועזענהייט פון אזוינע עלעמענטען ווי אליטעראציע אלס פאעטיש מיטעל איז קעמאט ווי ניט געאחנט געווארען, כאטש גראד זי איז שטארק אייגען אונזער לאשען. אויף וויפיעל עס וועט ליגען אין אונזערע קויכעס, וועלען מיר זעהן אט די פארנאכלעסונג צו פארריכטען.

אינדיווידואליטעט אין אלץ און אינטראספעקציע אין אלץ — דאס ווילען מיר זוכען, דאס ווילען מיר דערגרייכען.

קומט צו דעם דיכטער א געוויסע ערשיינונג אין דער גע־שטאלט פון פארבען, טראגט איהם די אסאציאציע אוועק צו די ברעגען פון גאנגעס, אדער קיין יאפאן, זאגט איהם די סוגעסטיע אונטער עפעם נעפעלהאפטעס, עפעס אזוינס, וואס הויערט ערגעץ אין א רעשטעל פון זיין אמאליגען גילגעל, אדער פון זיין הערעדיטע־רען איך — זענען דאס אלץ די וועגען און די לאבירינטען פון זיין זעל, דארף ער זיי באטרעטען, ווייל זיי זענען ע ר, און בלויז דורך דעם אייגענעם, אינערליכען, עמעסען, א י נ ט ר א ס פ ע ק־ ט י ו ו ע ן איך ליגט דער שטעג וואס פיהרט צו שאפונגען און צו דערלייזונג.

3

ווערט דאס קלאהר, ערשיינט שוין אויך פאר זעלבסטפאר־שטענדליך, אז אלץ איז א געגענשטאנד פאר פאעזיע, אז פאר דעם פאעט איז ניטא קיין מיעסעס און קיין שעהנס, קיין גוטס און קיין שלעכטס, קיין הויכס און קיין נידריגס. אלץ איז גלייך־ווערטיג פאר דעם פאעט, אויב עס איז נאר א י ן איהם, און אלץ איז נאר א שטאפעל צו זיין אינערליכער באפרייאונג.

פאר אונז קאן אויך ניט שטעהן די אומזיניגע און אומפרוכט־בארע פראגע וועגען דעם, צו דער פאעט „דארף" דיכטען וועגען

נאציאָנאַלע זאַכען, און וועגען סאָציאַלע, צי בלויז וועגען פּערזענ־ליכע. פאַר אונז איז אַלץ „פּערזענליך“. מילכאָמעס און רעוואָ־לוציעס, אידישע פּאָגראָמען און די ארבייטער־באַוועגונג, דער פּראָ־טעסטאַנטיזם און בודאַ, די אידישע שוהל און דער צייליעם, די מעיאָר־וואַהלען און אַ פּאַרבאָט פון אונזער שפּראַך: די אַלע קאָנען יאָ באַריהרען אונז אָדער ניט באַריהרען, פּונקט ווי עס קאָן אונז יאָ אָדער ניט באַריהרען אַ פרוי מיט בלאָנדע האָר און אונזער אייגענער אומרוה. אין ערשטען פאַל דיכטען מיר יאָ, אין צווייטען פאַל שווייגען מיר. אין יעדען פאַל זינגען מיר וועגען זיך, ווייל דאָס אַלץ עקזיסטירט בלויז אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל עס איז דאָ אין אונז, אויף וויפיעל עס ווערט א י נ ט ר אָ ס פּ ע ק ט י ו ו אויפגעפאַסט.

צוליעב דערזעלבער אורזאַך ווייסען מיר ניט פון קיין אונ־טערשיד צווישען „האַרץ־פּאָעזיע“ און „קאָפּ־פּאָעזיע“, צוויי אומ־זיניגע פראַזען, וועלכע באַלאַנגען צו דערזעלבער קאַטעגאָריע לינג־וויסטישע טאָעסען, וואָס מיר האָבען שוין דערמאָנט. אויב מיט דער ערשטער פראַזע ווערט געמיינט „אומבאַוואוסטזיניג שאַפען“ און מיט דער צווייטער ב אַ וו אַ ו ס ט ז י נ י ג ש אַ פ ע ן, זאָגען מיר, אַז ניט מיר, ניט קיין שום אַנדערער ווייס דעם גרענעץ צווישען באַוואוסטזיניגקייט און אומבאַוואוסטזיניגקייט. גע־וויסע מאָמענטען פון דעם שאַפונגס־פּראָצעס זענען אַלע־מאָל באַוואוסטזיניג און קאָנען אַנדערש ניט זיין. און אין דעם איז אויך קיין אומגליק ניטאָ. דער מאָדער־נער פּאָעט איז ניט, קאָן ניט און דאַרף ניט זיין יענער נאַאיווער הימעל־קוקער, וואָס ווייס פון גאָרניט אויסער זיין לידעל, וועלכער פאַרשטעהט גאָרניט פון דעם, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, וועל־כער האָט ניט קיין באַציהונג צו דעם לעבען און זיינע פּראָבלעמען און געשעהענישען; וועלכער קאָן אפילו קיין שורה ניט אָנשריי־בען וועגען עפּעס אַנדערש, אויסער אויסצוקלאַפּען אין יאַמבען אָדער טראָכייען זיין שטימונגעל. דער היינטיגער פּאָעט איז א

מענש מיט מענשען צוגלייך און דארף זיין אן אינטעליגענטער, באַוואוסטזיניגער מענש. אלס פּאָעט פאָדערט זיך פון איהם איין זאך: ער זאָל קאָנען זעהן און פיהלען, וויסען און באַגרייפען און זעהן עס מיט זיינע אייגענע אויגען, און זיין אימשטאַנד דאָס געזעהענע, געפיהלטע און פארשטאַנענע ארויסצוגעבען אויף אן אייגענעם, אינערליך אויפריכטיגען, אינטראָספּעקטיוו-אויפריכטיגען אויפען.

אויב מיט באַוואוסטזיניגער פּאָעזיע מיינט מען דעם אויסדרוק פון ג ע ד א נ ק ע ן אין פּאָעזיע, זעהען מיר אויך אין דעם ניט קיין בייז. דער פּאָעט דארף ניט און טאָר ניט זיין קיין גייסטיג-שטומער. האָט אַ פּאָעט ג ע ד א נ ק ע ן איז עס ניט נאָר קיין כיסאָרען, נאָר אַ גרויסע מיילע. אלס פּאָעט, אלס קינסטלער דארף ער בלויז זיין אימשטאַנד די געדאַנקען זיינען ארויסצוגעבען אין דער פּאַסיגער פאָרם, אז עס זאָל דערפון באַשאַפען ווערען אַ קונסט-ווערק. און דאָס איז אָפּהענגיג בלויז אן איין קאָנדיציע: אז די געדאַנקען זאָלען זיין זיינע אייגענע, אז זיי זאָלען זיין אן עמעסער רעזולטאַט פון דער באַהעפטונג צווישען זיין זעל און דעם לעבען, און אז ער זאָל זיי ארויסגעבען אין יענער פאָרם, אין יענע עמעסע בילדער, אין יענע עמעסע פארבען און טענער, ווי זיי וועבען זיך אויס, ווי זיי אַנטשטעהען און דרינגען איהם דורך אין דעם לאַבירינט פון זיין נעשאָמע.

ניטאָ קיין גרענעץ צווישען „געפיהל" און „געדאַנק" ביים היינטיגען מענש און ביים היינטגען דיכטער. ביידע זענען אויסדרוקען פון דעם זעלבען „איך", ביידע זענען אַזוי באַהאַפטען און צענויפגעבונדען איינס מיט'ן אַנדערען, אז עס איז אַבסורד צו וועלען זיי פונאַנדערטיילען.

ביי אונז איז ניטאָ קיין אונטערשיד צווישען אינטעלעקטועלער פּאָעזיע און געפיהל-פּאָעזיע. מיר וויסען בלויז פון איין אונטערשיד: צווישען עכטקייט און פאַלשקייט, צווישען עמעסער אינדיווידואַליטעט און שאַבלאָן. אין דעם ערשטען פאַל ווערט געבוירען

פּאָזיע, אין דעם צווייטען — מעג עס זיין ווי „שטימונגספּול" — בלויז לאַקריץ, וויניעטקעס און פאַלשע גלעקלעך.

אויך אונזער באַציהונג צו „אידישקייט" ווערט קלאָהר פון אונזער אַלגעמיינעם פּאָעטישען קרעדאָ.

מיר זענען אידישע פּאָעטען דערמיט, וואָס מיר זענען אידען און שרייבען אידיש. וואָס אַ אידישער פּאָעט זאָל ניט שרייבען אין אידיש, איז עס איפּסאָ פאַקטאָ, דערמיט אַליין, אידיש. מען דאַרף ניט קיין באַזונדערע „אידישע טעמען." אַ איד וועט וועגען אַ אינדישען פרוכטבאַרקייטס-טעמפּעל און יאַפּאַנישע שינאָס שרייבען ווי אַ איד. דער אידישער פּאָעט וועט זיין אידיש, ווען ער וועט דיכטען וועגען „וויוו לאַ פראַנס", וועגען דעם געץ פון גאָלד, וועגען דאַנקבאַרקייט צו אַ קריסטליכער דאַמע פאַר אַ גוט וואָרט, וועגען רויזען וואָס ווערען שוואַרץ, וועגען אַ שטאַפּעט פון אַ אַלטען פרינץ און וועגען דער רוה, וואָס בלויז דער שלאָף קאָן איהם ברענגען. עס איז ניט די אויפגאַבע פון דעם דיכטער אַליין צו זוכען און אַרויסווייזען זיין אידישקייט. ווער עס וויל זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ אַרבייט, זאָל עס טאָן, און ווער עס וועט זוכען אידישקייט ביי דעם אידישען דיכטער, וועט עס אויך געפינען.

אין צוויי זאַכען זענען מיר יאָ אויסגעשפּראָכען אידיש, דורכאויס אידיש. אין אונזער באַציהונג צו אידיש אַלס שפּראַך בעקלאַל און צו אידיש אַלס פּאָעטישער אינסטרומענט.

מיר גלויבען אין אידיש. מיר האָבען ליב אידיש. מיר האַלטען זיך ניט אָפּ צו מאַכען די דערקלערונג, אַז דער, וואָס האָט אַ פאַרנייגענדע באַציהונג צו דער אידישער שפּראַך, אָדער אַפילע בלויז אַ גרינגשעצענדע, קאָן דורך דעם אַליין ניט זיין קיין אידישער דיכטער. ווער עס לאַכט פון אידיש, ווער עס קלאָגט זיך, אַז אידיש איז אָרים און אַ שלעכטע שפּראַך, ווער עס איז בלויז גלייכגילטיג צו אידיש, געהערט ניט צו דער הויכער קאַטעגאָריע פון אידישע דיכטער. צו זיין אַ אידישער דיכטער איז אַ הויכע

קאטעגאריע, איז א מאדרייגע, און עס קאן ניט געמאלט זיין, אז דער וואס שאפט אין אידיש, זאל שפייען אין דעם ברונעם פון זיין שאפונג. אזוינער איז א קליינער מענש, און מעמיילע נאך א קלענערער דיכטער.

וואס אנבאלאנגט אידיש אלס שפראך־אינסטרומענט, האלטען מיר, אז אונזער לאשען איז איצט שעהן און רייך גענוג פאר דער טיפסטער פאעזיע. אלע הויכע עראבערונגען פון דער פאעזיע, די העכסטע, זענען מעגליך אין אידיש. בלויז דער, וואס איז אן ארי־מער דיכטער, קאן זיך באקלאגען אויף דער ארימקייט פון דער אי־דישער שפראך. דער עמעסער דיכטער וויים אונזער שפראכס רייכ־קייט און איהם פעהלט גארניט, קאן גארניט פעהלען.

פאעזיע איז גאר אין א גרויסער מאס די קונסט פון שפראך — א קלאל וואס ווערט אזוי אפט פארגעסען — און די אידישע פאעזיע איז די קונסט פון דער אידישער שפראך, וועלכע איז פון איהר זייט בלויז א טייל פון דער אלגעמיינער אייראפעאיש־אמעריקאנישער קולטור. אידיש איז איצט רייך גענוג, זעלבשטענדיג גענוג צו קאנען זיך ערלויבען איהר אייגענעם אויצער צו פארגרעסערען מיט דער הילף פון די אויצרעס פון איהרע שוועסטער־שפראכען. דער־פאר היטען מיר זיך ניט צו בארגען ווערטער פון די שוועסטער־שפראכען, ווערטער, וועלכע זאלען דעקען די אויסגעוואקסענע בא־גריפען, די פארברייטערטע געפיהלען און געדאנקען. אזוינע ווער־טער זיינען אויך אונזערע ווערטער. מיר האבען אויף זיי פונקט אזא רעכט ווי יעדע אנדערע שפראך, ווי יעדע אנדערע פא־עזיע, ווייל: די אידישע פאעזיע — נאך אמאל עס ווידערצוהא־לען — איז בלויז א צווייג, א באזונדערער שטראם פון דער גאנצער איצטיגער פאעזיע אין דער וועלט.

מיר קוקען אויף אידיש ווי אויף א פאלשטענדיג־אויסגעוואק־סענער, רייפער, זעלבשטענדיגער, באזונדערער און אייגענארטיגער שפראך. מיר האלטען, אז זי האט זיך שוין לאנג אפגעטיילט ניט נאר פון איהר מוטער—דייטש, נאר אויך פון איהר פאטער—העב־

רעאיש. אלץ וואס בינדט נאך צענויף קינסטליך און איבערגעוואלט אידיש מיט העברעאיש, איז אן אומנויטיגקייט, אן איבעריגקייט, א באליידיגונג פאר דער שפראך, און וועלכער מיר דיכטען. דאס אויסלייגען געוויסע ווערטער אין אידיש אנדערש ווי אנדערע ווער־טער, ווייל אט די ווערטער שטאמען עטימאלאגיש פון העברעאיש, איז פאלש, איז אן אנאכראניזם. אלע ווערטער אין אידיש זענען גלייך און עס איז צייט אפצורייניגען די ווייסע שטעך פון דעם העברעאישען אויסלייגען פון געוויסע ווערטער אין אידיש.

מיר זענען ניט קיין סאנים און ניט קיין געגנער פון העברע־איש. די שפראכען־פראגע עקזיסטירט פאר אונז, אידישע דיכ־טער, אבסאלוט ניט. העברעאיש איז נאר פאר אונז א פרעמדע שפראך, בעאיים אידיש איז א ו נ ז ע ר שפראך. מיר קאנען אבער ניט פארגעסען, אז העברעאיש און העברעאיזם האבען קע־סיידער געשטערט דער נאטירליכער אנטוויקלונג פון דעם אידישען ווארט און פון דער אידישער פאעזיע. מיר ווייסען, אז ווען דער העברעאיזם פון דער האסקאלע־באוועגונג, וועלכער האט זיך שפע־טער פונאנדערגעצווייגט אין ציאניסטישען העברעאיזם פון איין זייט, און אין אסימילאטארישען אנטי־אידישיזם פון דער צווייטער זייט, וואלט ניט געשטערט, וואלט די אידישע פאעזיע איצט גע־שטאנען אויף א פיעל העכערער מאדרייגע, ווי איצט. מיר ווייסען, אז ווען די אידישע דיכטונג וואלט זיך נארמאל און נאטירליך אנט־וויקעלט פון דעם פאעט שלמה עטינגער ביז איצט, ווען דער נא־טירליכער אנטוויקלונגס־גאנג וואלט ניט דורך דעם העברעאיזם און דורך די העברעאיסטען איבערגעריסען געווארען, וואלט קיין שפראך־פראגע מעהר ביי קיינעם ניט געקאנט זיין, וואלט זי עפ־שער גאר קיינמאל ניט אנטשטאנען. די רייכע אידישע ליטערא־טור וואלט זי אין קערן פארניכטעט.

מיר האלטען דעריבער, אז מען מוז ענדליך האבען דעם מוט איבערצערייסען יעדען בונד צווישען אונזער שפראך און וועלכער עס איז אנדערער פרעמדער שפראך. עס קומט א צייט, ווען א זוהן

מוז זיך אינגאנצען אפטיילען פון זיין טאטען און בויען זיין אייגען געצעלט. דער לעצטער רעשט פון העברעאיש אין אידיש איז די העברעאישע ארטאגראפיע פון געוויסע ווערטער. דאס דארף אפּגעשאפען ווערען, און אלס דיכטער — ניט פראפאגאנדיסטען — לייזען מיר די פראגע קודעם קאל פאר זיך אליין. מיר וועלען שרייבע אלע אידישע ווערטער גלייך, אהן אונטערשיד פון וואס פאר א ייכעס א ווארט קומט ארויס.

דאס זענען אונזערע אנזיכטען, דאס זענען אונזערע פאעטישע שטרעבונגען אויף די פארשידענע געביטען, וואס מוזען באשעפטיגען א פאעט אין אלגעמיין און א אידישען פאעט באזונדערס.

4

מיר קומען ארויס ניט צו באקעמפען אימיצען און ניט צו פיהרען א שטרייט געגען אימיצען. מיר ווילען בלויז זיך אליין אנטוויקלען און געהן אויף דעם אייגענעם וועג, וועלכער איז פאר אונז דערווייל דער עמעסטער וועג.

מיר קומען אין דער ריכטיגער צייט. אין דער צייט ווען די אידישע פאעזיע איז געווארען רייף און זעלבשטענדיג גענוג צו געבירען באזונדערע ריכטונגען און ארויסצורופען דיפערענציאציע, פונאנדערטיילונג, אנשטאט צו בלאנדזשען אומזיכער אינאיינעם.

און זאגען מיר, אז מיר זענען געקומען אין דער ריכטיגער צייט, גיבען מיר שוין אליין צו, אז אלע, וואס איז געוועזען ביז אונז און פאר אונז, איז אויך געוועזען אין דער ריכטיגער צייט.

מיכל גארדאן, שמעון פרוג, מארים ראזענפעלד, אברהם רייזען, א. ליעסין ה. רויזענבלאט — זיינען אלע גוט אין זייער צייט. אבער אלע בלויז אין זייער צייט. אלץ וואס איז געוועזען נויטיג פאר דער אנטוויקלונג פון דער אידישער ריכטונג, פאר איהר שטורפענווייזען וויטערגעהן, האבען זיי געגעבען, און דערמיט אויך אונז מעגליך געמאכט. אויף אזוי פיעל קעמפען מיר ניט געגען זיי, זוכען מיר זיי ניט צו פארשרייען. אדראבע, מיר דריקען אויס אונזער אנערקענונג פאר דעם, וואס זיי האבען אונז געהאלפען קומען.

בלויז איינער פון די עלטערע פארשטעהער פון די אידישע פאַ־עטען האט, לויט אונזער מיינונג, אריבערגעשפּרייזט דעם גרענעץ פון זיין צייט און איז פאר אונז ניט בלויז א פארלויפער, נאר א מיט־פּאַעט. דאס איז י ה ו א ש. לויט אונזער אויפפאסונג איז ער די באַדייטענדסטע פיגור אין דער גאַנצער אידישער דיכטונג היינטצוטאג. א פּאַעט, וועלכער הערט ניט אויף צו זוכען, וועלכער האט דעם מוט און די פעהיגקייט — מיר ווייסען ניט וואס איז וויכ־טיגער און וואס איז שענער און גרעסער — אויפ'ן סאמע זעניט פון זיין שאפען צו דערפילען, אז עפשער איז ניט דאס דער וועג, און זיך נעמען פון דעם גוט־באקאנטען שטעג פון אויסגעקלאפּטע יאמבען און טראכייען צו שרייבען אין נייע פארמען און אויף אנדערע אויפאנים — האט פיליכט ער געדאַרפט זיין דער איניציא־טאר פון א נייער ריכטונג אין דער אידישער פּאעזיע, און פיליכט אויך — יעדענפאלס טיילווייז — פון אונזער ריכטונג. האט ער דאס אבער ניט געטאן צוליב פארשטענדליכע אורזאכען, און מיר ווילען פארצייכענען, אז מיר האלטען איהם פאר איינעם פון אונ־זערע נאהענטע.

די אנטוויקלונג פון דער אויסגערעכענטער גרופּע אידישע פּאַ־עטען ביז אונז וואלט אבסאלוט ניט מעגליך געווען אהן געוויסע צווישען־שטופען. קונסט, ווי דאס גאנצע לעבען, שפּרינגט ניט, נאר אנטוויקעלט זיך בעהאדראגעדיג. אויף די דאזיגע צווישען־שטופען שטעהען די אזוי־גערופענע יונגע.

איינהארן, מנחם, מאני לייב, זישא לאנדוי, ראַלניק, סלאנים, שווארץ, אייזלאנד, מ. ל. האלפּערן ב. לאפּין — אט די אלע זענען אויך גוט און אין זייער צייט. זיי האבען פארדינסטען און ניט נאר ווילען מיר דאס ניט לייקענען, נאר מיר פארשטעהען און גיבען גערן צו, אז בלויז א דאנק זייער ארבייט איז מעגליך געווא־רען א וויי‌טערע אנטוויקלונג פון דער אידישער פּאעזיע, פון וועל־כער די אינטראספּעקטיווע ריכטונג איז אן אויסדרוק.

די אלע האבען די אידישע פּאעזיע ארויסגעפיהרט אויף א

בריטערען וועג. זיי האָבען דערנעהנטערט די אידישע ריכטונג, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שטאַרקע מעכוטענעשאַפט מיט באַדכאָנעכ און גראַמעריען, צו קונסט און צו עמעסער פּאָעזיע. אין דעם פאַל פון אַ ראַלניק און אַ מאַני לייב האָבען זיי די אידישע פּאָעזיע פאַרטיפערט, כאָטש אינבאַצוג צום צווייטען וואָלט ריכטיגער געווען צו זאָגען פאַרפיינערט. סלאָנים האָט דעם פאַרדינסט פון אַרויסוויזען אַ חוש פאַר ריטם און טיילווייז אויך פאַר אינדיווידועלען ריטם.

דער הויפּט־פאַרדינסט פון די יונגע איז אָבער אין דער הינזיכט פון שפּראַך. זיי האָבען אַריינגעטראָגען אַ געוויסען אייראָפּעאיזם אין דער שפּראַך, אַ גרעסערע קינסטלערישע עכטקייט, אויפגעהויבען דעם ניווא פון אַ אידיש ליד. פּרץ'ס „אַנדערש וואָלט מיין ליד געלונגען, כ'זאָל פאַר גאָים גאָיש זינגען" האָבען זיי לאַכלוטין אַנולירט.

אָבער דערביי איז עס געבליבען. וואָס אָנבאַלאַנגט אינהאַלט האָט דער טיפסטער אויפגעהערט צו פאַרטיפען זיך, און דער פיינסטער איז דערגאַנגען צו אַ וואַנט. מיט זיין כוש פאַר ריטם האָט סלאָנים ווידער זיך אָפּגעשטעלט דאָרט, וואו ער האָט גע־דאַרפט, און עפשער אויך געקאָנט אָנהויבען. אויך אין דער שפּראַד־הינזיכט איז עס געקומען צו אַ טעמפּען ווינקעל. די דערפרישונג, באַרייכערונג און פאַרייפנערונג איז אָסיפיצירט געוואָרען, און זיך אַנטאַרט צו אַן אומפּרוכטבאַר פלאַכלאַנד.

ווי אין דעם פאַל פון די עלטערע שרייבער איז אויך דאָ פאַראַן אַן אויסנאַם. דאָס איז ה. לייוויק.

בלויז טיילווייז איינער פון די יונגע, האָט לייוויק פון דעם ערשטען מאָמענט פון זיין ערשיינען געבראַכט מיט זיך אַזוי פיעל אייגענס, אידיווידועלס און דערצו טיפס, אַז וועגען איהם קאָן גאַרניט זיין קיין רייד וועגען אַפּשטעלען זיך, וועגען שוין האָבען ערפילט זיין פּאָעטישע מיסיע.

אויך איהם האַלטען מיר פאַר נאָהענט צו אונז.

די יונגע אין אלגעמיין, אלס גרופּע גענומען, געהערען אבער בלויז צו זייער צייט און אויב מען זאל וועלען כאראקטעריזירען אין וואס זייער פארדינסט, וועלכער איז שוין איצט פארענדיגט, איז באשטאנען, איז עס דער פארדינסט פון זיין צווישען־שטופען, פון זיין א בריק צו א נייער פּאעזיע, א פּאעזיע א מעהר זעלבּ־שטענדיגער, א געוואגטערער, טיעפערער און עכטערער סיי אין אינהאלט סיי אין פאָרם — צו געברויכען אן אלטע פארמולע.

5

מיר וועלען נאך צוגעבען עטליכע באמערקונגען וועגען געוויסע פּונקטען, אויף וועלכע מיר האבען זיך געאייניגט אינבאצוג צו דעם שרייב־אויפען, פּונקטען, וועלכע מען קאן געפינען ביי די מעהר־סטע מאדערנע שולען, ווי לגמאשעל, ביי די אמעריקאנער אימאַ־דזשיסטען; ווי אויך וועגען דעם, ווי אזוי די דאזיגע זאמלונג, וועלכע מיר באטראכטען אלס ערשטע, איז צוזאמענגעשטעלט געווארען.

באטראכטענדיג אונזער ריכטונג אלס אן אויסדרוק פון דער־נעהנטערען זיך צום לעבען, צו דעם לעבען, ווי עס שפּיגעלט זיך אפּ אין אונז — וואס דאס איז דאס עמעסע לעבען — זענען מיר דערפאר, אז די שפּראך פון אונזערע לידער זאל זיין אזוי נאהענט צו דער גערעדטער שפּראך — אין בוי און אין פלים — ווי נאר מעגליך. מיר שאפען דעריבער אינגאנצען אפּ יעדע מעגליכקייט פון דעם, וואס מען רופט אינווערזיע, צעדרעהונג פון דעם נאטירליכען זאץ־בוי, צוליב ריטם אדער גראם. מען קאן ניט און מען דארף ניט אונטער קיינע אומשטענדען זאגען „האב דערזעהן איך", אדער „וואס געגאנגען איז", אדער נאך ערגערע בארבאריזמען. מען מוז שרייבען „האב איך דערזעהן", „וואס איז געגאנגען", צי עס איז יא דא א גראם, אדער ניט, אדער צי דער טאקט האלט יא אוים אדער ניט.

מיר זענען געגען באנוצען אויסדרוקען פאר זייער קלוימערשטער

שעהנקייט. עס קאָן ניט זיין קיין שעהנקייט אָהן טיפען צוזאַמענ־האַנג און אָהן עכטען זין.

מיר שטרעבען אויסצומיידען באַנאַלע פאַרגלייכען, עפּיטעטען און אַנדערע פיגוראַטיווע אויסדרוקען. צוליב זייער באַנאַליטעט זיינען זיי מעמיילע אַ ליגען, און מיר זוכען הויפּטזעכליך אינטראַס־פּעקטיווע אויפריכטיגקייט און אינדיווידואַליטעט.

מיר זוכען אויסצומיידען אומנויטיגע אַדיעקטיווען בעקלאַל, אַזוינע וואָס גיבען גאָרניט צו, און וואָס זענען בלויז אַן איבעריגע, באַשווערענדער לאַסט. „ווייטע ווייט", צי „בלויע ווייט", אָדער „שנייאיגע שניי" צי „פאַרשטיינטער שניי" מאַכען די ווייט ניט און דעם שניי ניט אַנדערש, וו י זיי זענען. אַנשטאַט דעם — אַלעמאָל בעסער אַן עכט, אייגען, אינדיווידועל בילד.

עס איז אַלעמאָל בעסער צו באַנוצען דאָס ריכטיגע וואָרט פאַר דעם אַנטשפּרעכענדען באַגריף. אפילו ווען עס איז ניט „שעהן" לויט דער פּאָפּולערער עסטעטיק. אַ וואָרט אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ איז שטענדיג שעהן. טאָמער וועט אימיצער דאַרפען נאָכזוכען אין אַ ווערטער־בוך, איז עס אויך ניט דעם פּאָעטס דייגע.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם צוזאַמענשטעל פון דער זאַמלונג, געהערט די איניציאַטיווע צו די, וואָס זייערע נעמען געפינען זיך אונטער דעם דאָזיגען פאָרוואָרט. די האָבען צוגעצויגען די אַנדערע, נאָכדעם ווי מען האָט זיך פאַרשטענדיגט און איינגעשטימט וועגען די אָנ־זיכטען און שטרעבונגען פון דער ריכטונג. פון זיי האָבען מיר אין דער זאַמלונג אריינגענומען יענע לידער, וועלכע זענען מעהר אָדער ווייניגער געווען נאָהענט צו אונזערע אַנשויאונגען.

די אַלע קלאַלים, אַזוי צו זאָגען, זענען ניט פאָראויסגעשאַפען געוואָרען און נאָך זיי זענען די לידער געשריבען געוואָרען. אויב אימיצער דענקט אַזוי, איז ער שולדיג אין אַבסורד. די קלאַלים ווי די גאַנצע ריכטונג זענען אַרויסגעוואַקסען פון די שוין אָנגע־שריבענע לידער. אַנדערש קאָן עס ניט זיין. אויב אין פּראָצעס פון שרייבען וועלען צוקומען אָדער אַרויסוואַקסען אַנדערע קלאַלים,

אפילו געגענזעצליכע, וועלען מיר אויך דאָס פאַרצייכענען.

דאָס ליד שאַפט דעם קלאַל און ניט פאַרקערט, און דערפאַר קאָן דער קלאַל ניט באַטראַכט ווערען פאַר אייביג־בינדענד.

די צאָל לידער וואָס געהט אַריין אין דער זאַמלונג ווייזט לאָכּ־לוטין ניט אָן אויף אַ גרעסערען אָדער אַ קלענערען ייכעס פון דעם דיכטער. האָט אויך ניט צו טאָן דערמיט, צי דער דיכטער איז איינער פון די איניציאַטאָרען, צי ניט. עס באַווייזט בלויז, אַז דער און דער האָט געהאַט אָנגעשריבען מעהר לידער.

אַלע באַטייליגטע זענען גלייך לויט דעם ווערט און באַדייטונג.

מיר ווייסען, אַז יעדער דיכטער אַנטוויקעלט זיך גיכער אין איינזאַמקייט, איידער אין גרופּירונג. די אַכט דיכטער, וואָס זייערע אַרבייטען זענען דאָ פאַרטראַטען, זענען אויך גאַנץ פאַרשידענע פּאָעטען. אויב מיר האָבען באַשלאָסען אַרויסצוטרעטען אַלס אַ געמיינשאַפטליכע גרופּע און זיך געגעבען אַ נאָמען, וועלכען אַגעוו, מען דאַרף ניט פאַרשטעהן בוכשטעבליך, איז עס דערפאַר, וואָס דורך דער דאָזיגער קאָלעקטיווער אָפּזונדערונג און דיפערענצירונג האָפען מיר מעגליכער און לייכטער צו מאַכען די אינדיווידועלע אַנטוויקלונג פון יעדען באַזונדער.

צו אַזאַ קאָלעקטיווען אַרויסטריט האָט אונז אויך געפיהרט דער אינערליכער צושטאַנד פון דער אידישער פּאָעזיע אין דעם איצטיגען מאָמענט, אַ צושטאַנד, וואָס איז כאַאָטיש, פּאָנימלאָז, כאַראַקטערלאָז און וואָס ווערט אַלץ מעהר אַ שטער צו ווייטערער אַנטוויקלונג.

יעקב גלאַטשטיין.   א. לעיעלעס.   נ. מינקאָוו.

מ. אַפּראַנעל.

געץ פון געלען אַר.

געץ פון געלען אַר —
קאַפּריזען פּאַכט ער פון זיין נאַז.
באַגינען האָט די טאַמוז־שווערע לופט,
צעלאָזט דעם זשאַר.
די קלעפּיג־פּיכטע היץ,
האָט קריכענדיג געוויקעלט זיך,
אויף דעם מעטאַל, קאַנקריט און שטיין,
אויף יעדען ברעקעל, יעדען שטויב — אויף אַלץ —
פון וואָס עס האָט דער געץ פון געלען אַר,
די שטאָט צונויפקאַפּריזט.

געץ פון געלען אַר — —
קאַפּריזען יאַגען פון זיין נאַז.
און ס'הערט דער באַהנען־קאַראַהאָד קיינמאָל ניט אויף,
נאַר שרומפּט בלויז איין נאַך האַלבער נאַכט. —
און רוקט זיך קוים אַ פּרישער טאָג,
צעוואַקסט ער זיך און שפּרייט זיך אויס,
און וואַרפט זיך —
ווי אַ קייט פון הונגער־ווילדע שלאַנגען,
דאַ — אויף דעם נאַקען פון דער שטאָט,
באַלד אויף איהר ברוסט,
און בויערט דורך איהר בויך. —
און רייסט און טראָגט זיך
אין די קאַנקריטען־גראָהע, קאַכעל־ווייסע,
אייזען־האַמעטנע טונעלען —
אויבער־שאַכטען פון דער ערד!...

און דער עלעקטרא־שער בײטשט אַן און טרײבט,
דעם שטאָלענעם געיעג פון רעדערײ.
דער ראַש איז דאָ פעסט פארשפּאַרט, —
יאָגט ער אַרום פון ענד צו ענד,
און שײערט זיך אַרום די װענט פון בלאַנקען שאַכט,
און זױגט פאַר קאָס דורך די אױערען אַרױס
דאָס ביסעל מאַרך פון שטראַמיגען געדרענג.
אַראָפּגעצױגען האָט אַ צוג אַ שטיק פון זשאַר,
און אין זײן אינגעװײד װאַקסט אױס אַ ביהנע,
און עס טרעטען אױף —
אַ מאַמע מיט אַ קינד.

עס זיצט אין מיטען פון װאַגאָן,
אַ יונגע פרוי, גראַציעז געבױט —
און כײן, און שעהנקײט, פלאַטערט אין איהר יעדען בױג —
און בײ דער זײט,
אומקלאַמערט זי אַ אינגעלע,
און האַלט איהם פאַר די הענטלאַך פעסט צו זיך.
זײן פּענימעל איז בלאַס װי טײג,
און שרעקליך דין און דורכזיכטיג און צעהר —
דאָס גאַנצע לײבעל פון דעם קינד.
און לאַבענדע האָװאיעס, מינעס װילדע, דולע,
צעדרעהען, ברעכען זײן געזיכט,
און טראָגען שיר דאָס קינד אין שטיק פאַנאַנד.
די מעשוגאָס פרעסט איהם אױף...
די מאַמע קלאַמערט פעסטער איהם אַרום,
און שטײפּט די שפּליטער־דאַרע הענטלאַך צו איהר ברוסט.
אױף דער מאַמעס פּאָנים, יונג און שעהן,
פאַרבלוטיגט אַזש די פּײן,
און װערט פאַרצוקט פון שאַנד און שרעק —

וואָס ווייהט
פון אָפּגערוקטען מענשען־רעדעל אַרום איהם —
פון פובליקום.
דער צוג האָקט אָפּ זיין לויף און שפייט איהר אויס,
און זי פארשווינדט מיט איהר אידיאָטען־קינד אין דעם געדרענג.

געץ פון געלען אַר —
קאַפּריזען ווייהען פון זיין נאָז.
און דער מעטאַל, קאַנקרים און שטיין,
הויבט אָן צו זינגען אַ ליד:
— אידיאָטען־קינד, אידיאָטען־קינד —
און יעדער ברעקעל, יעדער שטויב — און אַלץ —
פון וואָס עס האָט דער געץ פון געלען אַר,
די שטאָט צונויפקאַפּריזט,
כאַפּט אויף דאָס ליד,
און ס׳ברומט אַ כאָר מאַסיוו און ווילד:
— אידיאָטען־קינד, אידיאָטען־קינד —
און ס׳כאַפּט דאָס ליד אַרום די שטאָט,
אָט ווי אַ בראַנד!
און רייסט מיט זיך און שלינגט אריין,
יעטוועדען ראַש, יעדען קלאַנג,
ביז וואַנען עס רעווען אַלע קוילעס פון דער שטאָדט,
— אידיאָטען־קינד, אידיאָטען־קינד —

— אידיאָטען־קינד, אידיאָטען־קינד —
עס איז דאָס ליד פון טאָג,
פון דעם פאַטאַלען בייזען טאָג און שטאָט,
דאָס ליד פון בלוט און מאָרד און מעשוגאַס,
און שיקזאַלס פאַר דער וועלט.

צעטראַמטען ווערט דער טאָג.
צעריבען ווערט דער מענש מיט זיין פּאַרנאָסע,
אין שטאָלענעם געיעג פון רעדערייי.
דער אָוונט קומט,
און ס'שטייגט אַרויף אַ העל און וואַרפט פונאַנדער
אין אַלע גאַסען,
אויף ווייסע, געלע, גראָהע,
רויטע מויערען פון שטאָט, אַ טאַנץ פון ליכט.
און אין די ענגע, קויטיג־דומפּע —
ברייטע, ריינע, בלאַנקע גאַסען,
שרייט און ווערימט זיך אָהן אויפהער,
דער אויסשוט פון דעם שטאָלענעם געיעג —
אַן ענדלאָז שטראָמיגער האַמוין.
און אויסגעטונקט ווערט דער האַמוין,
אין שרייערישען טאַנץ פון ליכט,
און אָפּגעפאַרבט,
אין איין קאָליר פון בלאַסען שרעק...
און ס'דרעהט זיך דער האַמוין אין טאַנץ,
און דער געלאַף,
און דער געטראַג,
קלאַפּט צו און זשומעט אין כאָר:
— אידיאָטען־קינד, אידיאָטען־קינד —
און דער געזאַנג באַגלייט איהם
אין נאָרעם פון מעטאַל, קאָנקריט און שטיין.
און דער געזאַנג
פאַרשלעפערט איהם און וויגט איהם איין.
און דער געזאַנג,
האַלט אויף זיין שקלאַפען־רוה די וואַך.

עס גאַנוועט זיך דער אָוונט דורך דעם טאַנץ,

און שוועבט צום יאם און זינגט:
—אידיאטען־קינד —
און ס'כאפען אלע שיפען אויף דעם יאם,
דעם ניגען אויף, און רופען אפ מיט הוזשעריי
און פייפען אוים:
— אידיאטען־קינד, אידיאטען־קינד —
דער יאם פארנעמט, און ס'לאכט דער יאם:
—אידיאטען־קינד —
און דאס געלעכטער,
פליסט דורך אלע יאמען אויף דער ערד,
און ס'לאכען אלע יאמען אויף דער ערד:
— אידיאטען־קינד, אידיאטען־קינד —

שוין כריפעט הייזעריג און שווער,
די וואקכאנאליע פון מעטאל, קאנקריט און שטיין.
נאר דער עלעקטרא־שעד לאזט איהם ניט אפ!
און אלע קוילעס פון דער שטאט,
דערגרילצען אזש ביז אין און דורך דער נאכט:
— אידיאטען־קינד, אידיאטען־קינד —
ביז וואנען עס קריכט א פרישער טאג.

געץ פון געלען אר —
קאפריזען פאלען פון זיין נאז...

א קראנץ.

א רעגענדיגער אומעט.
פארוואגעלטער פארוואורף —
דיינע בליקען,
זיי ווייגען, זיי בעטען און מאנען:

— דו האסט מיך קיינמאל ניט פארשטאנען,
פרעמד איז דיר מיין הארץ,
וואס טרינקט זיך, א בעטענדע,
אין דעם אייגענעם בוזים. —
נאר אויך דו, פון צייט צו צייט
וואנסט א גרינגע אוואנטיורע,
לויפסט ארויס פון זיך א ווייל,
און לאזט די טיר און פענסטער אפען —
פון דיין הארצען,
און פארגעסט צו פארמאכען.
און קומט צו מיר, און נעמט מיך לייכט ארום.
דיין יעדער הויך —
א טהאם פון קורצער רוה.
עס שלאגען ארום מיר אין נאכט־בלאהע שלייפען,
די וואגלענד־מילדע וואלען פון דיין לייב,
און ווערען גיך צעבונדען,
אין גלוט פון פארוויגענדע קושען.
נאר אומגעריכטערהיים,
אין פלאנטערדיגען שרעק,
דו פליסטערסט שטיל:
— זעה, דיינע האר זיינען שוין גראה,
עס וועבט זיך אויף דיין שטערן א נעץ פון קנייטשען —
באמערק איך ווי עס שפילט זיך
א בייזער ווינט, ביז דולער שיקרעס,
מיט דעם בלאסען פייער פון דיין הארצען.
וויל איך דו זאלסט צוריק אריין,
און טיר און פענסטער זיך פארמאכען.
ווענד איך דיר אפ:
— דאס, וואס דו זעהסט, איז ניט קיין גראהע האר,
און ניט קיין נעץ פון קנייטשען.

דאס האב איך בלויז פון דיינעטוועגען,
זיך א קראנץ געפלאכטען.

פלאמען.

עס האבען ארום מיר זיך פארגופט
אלע פלאמען פון מיין זעל.
ווי קאמערען פון שטאל מיט ברענענדיגער פליסיגקייט.
אמאל —
ווי שאטענס פון א בליץ
וואס ווארפט ביינאכט זיך אין דער ווייט.
אמאל —
ווי ווייסער גלוט פון קויל,
שוין פון דעם טשאד און רויך באפרייט.

פארוואס? פארוואס?

איך בין געשטאנען אויף דעם ארט,
וואו ס'זיינען טויערען אמאל געווען...
איך האב דיקטירט מיין בליק —
און פריי געלאזען מיין געהער;
און ביז צום פלאצען אנגעצויגען
האב איך פון מארך די שטריק.
איך האב מיין הארץ געעפענט און פארמאכט.
געפארשט האב איך דעם טאג —
און האב געאקערט אין דער נאכט
און — — —
פלאמען, בלויז פלאמען פון מיין זעל.

אל. גוריה.

דאָס ליכט אין פענסטער

דאָס ליכט אין פענסטער פונ'ם אויבערשטען שטאָק
איז שוין פאַרלאָשען.
און דורכ'ן פענסטער פון בעלעטאַזש
לייכט נאָך ווי פריהער די ליכטיגקייט אַרויס.
ווייזט אויס, אַז דער אויף־וועמען דאָרט אַ פרוי מוז זיכער וואַרטען,
האָט זיך נאָך אַלץ ניט אומגעקעהרט צו איהר.

ווען איך זעה אַ באַלויכטען פענסטער אין דער נאַכט,
ווייסטו פון וואָס איך, נאַכטיגער גאַסען־וואַנדערער, טראַכט?
איך טראַכט ווי ס'בלוט אומרויטיג פליסט אין מיינע אָדערען,
ווי רעכט אויף מיר וואָלט זיין אַט איצט
צו ווערען פון קאַפּריזען־שלאַנגען אויפגעפרעסען,
וואָס וואַכען אויף און מעהרען זיך רעגעסווייז אין מיר,
און ציהען די הויט אויף מיר אַלץ שטאַרקער אַז.
און אַז מיין נאַרישער גוף זאָל זיך אויפלייזען,
צי גאַר זיך אָנצינדען און ברענען, ברענען,
וואָלט איך אויך זיין צופרידען.

פאַראַקשענט צילען מיינע אויגען אַרויף צום פענסטער,
די זוכענדיגע אויגען מיינע, די יובעלדיגע הענט אויך מיט זיי:
זי וועט דעם בריה דערפיהלען פון מיין אָנגעצונדענעם באַנעהר
און וועט אַ ווייז טאָן זיך אין ליכט.
און רופען, רופען מיט די אויגען, לייב און הענט, מיט איהר געזיכט,
און איך, מיט אַ פאַרשטיקט געשריי, וועל אויפשפּרינגען אין פרייד,
און איילען אויסצוגעהען אין די פאַרלאַנגען פון איהר האַרץ,
פון איהר טרויער.

נאָך איינמאָל זיך אדורכגעהן די גאַנצע גאַס.
און איצט צוריק.
געלאַסען, רוהיג. ניט געאיילט זיך.
דער גאַנצער פאַסאַד פון הויז איז ווי די גאַס : לעבלאָז. שטיל.
פינסטער.
נאָר יענער פענסטער דאָרט,
דער פון בעלעטאַזש איז נאָך אַלץ העל באַלויכטען.

פעדער-גרינג.

אזוי צו שטעהן ביי דיר. אַט אזוי — —
אזוי דיין טאַליע האַלטען פעסט אַרומגענומען,
און זעהן ווי דיין קאָפּ האָט זיך פאַרשעהמט געבויגען.
נאָר דו, פאַרוואָס האָסטו די אויגען צוגעמאַכט ?
פאַרוואָס אומרוהיג דרעהען זיך ווי שלאַנגען דיינע הענט,
ווי גרייט אויף וואָס.
אויף שלאַנגען זיך ?
אויף אויסצודראַפּען אויגען ?
און עפּשער מיך אַ שטופּ צו טאָן פון זיך,
און אויסצורייסען זיך, אַנטלויפען ?
דאָס מיינסטו ניט צו טאָן :
דו וועסט גיריגער מיר מאַכען אזוי צו שטעהן מיט דיר,
אזוי צו האַלטען דיך.

איך וויים, אַז אומבאַקאַנטע שרעק האָט דיר שוין וואָס געזאָגט,
די שרעק איז ווי אַ קאַלטע כוואַליע אין דיין האַרץ געקומען,
פונקט ווי צו מיר ;
נאָר דו באַהאַלסט די בושע, די צעברענטע אויף דיין פּאַנים,
דערשטיקסט דעם פלאַנטער, וואָס דרעהט זיך איצט ביי דיר אין לייב
און זעהסט ניט, ווי נאָך מעהרער דו פאַרפּלאָנטערסט זיך
אין שלאַנגענדיגער אומרוה, שרעק און ברענענדיגע הענט.

איצט פאַלט דיין קאָפּ אין אַנגעצונדענער, א סרייפעדיגער,
אוועק ווי טויט;
די הענט צעוואָרפען זיך אויף ביידע זייטען, שטילע, דערשראָקענע.
אליין, א גליטשיגע, א לייכטע, א פעדער־גרינגע,
הויבסטו זיך אויף און שוועבסט, און שוועבסט, און שוועבסט.
און איך נאָך דיר, נאָך דיר, ווייט אוועק נאָך דיר
מיט דער שווערקייט פון מיין קאָפּ, הענט, פיס,
מיט דער שווערקייט פון מיין לעבען פון מיינע יאָהרען,
פון מיינע טעג,
נאָך דיר, נאָך דיר, נאָך דיר.

איהר זאָלט וויסען.

איך וויל איהר זאָלט וויסען,
אז דאָס, וואָס ביז איצט האָב איך ניט געקאָנט
וועל איך שוין קענען: —
איהר זעהט איצט מיינע לאַנגע שטאַרקע אָרעמס?
איאָ איהר זעהט?
מיט זיי וועל איך שוין יאָ באַווייזען קענען,
צו באַצייכענען א נייעם האָריזאָנט.

און אז איך האָב ביז היינט ניט אַלץ דערזעהן,
וועל איך איצט שוין זעהן.
איהר זעהט איצט מיינע אויגען?
איאָ זיי זעהען איצט אַנדערש אויס
איצט דרייסטע, ברענענדיגע, שוואַרצע?
איך דרינג אַדורך מיט זיי צו דער ליכטיגקייט פון מיין זונען־וועלט.

נאָר מויכעל זיין דאַרף מיין פאַרגאַנגען לעבען און אויך דו,
פאַר די דורכגעלעבטע טעג און נעכט אָהן פרייד, אָהן רוה;
פאַר לאָזען פאַרבען מיינע אויסגעקוקטע טעג אין גראָ
און פאַר דעם לעסטערען אין אָט דער איצט געגרויסטער שאָ.

ווינט.

איך קום פון שטאָט, פון פריינד,
און גלאָט אזוי פון ערגעץ־וואו.
די אַלע פרייד, וואס כ'האב באַגעגענט געהענדיג אהיים,
גליטשען זיך אדורך דורך מיינע פינגער ווי אַ ווינט,
ווען כ'וועל די שוועל פון הויז אריבערטרעטען.
איצט איז פון אַלע פרייד נאָך וועניגער פון ווינט
געבליבען ווען איך בין אין הויז אריין.

איך שטעה אַ רעגע אין דער פינסטערניש.
אַליין —— אַן איבערמענש,
אַן אויסגעטראַכטע זאַך,
אַ טייל פון אַט דער פולער שטילקייט, —
מיט פייקלעך אין די אויערען,
וואס קלאַפען טומלענדיג און הויך.
פאַרשטיינערטע, קוקען די אויגען
אויפגעריסענע פאַר זיך.
פאַרביסענע
רעדען די ליפען צו מיין הויז.
בלויז איך איינער הער:
אַט בין איך דאָ געקומען, איך, דער איינציגער פון אַלע מענשען,
דער פאַרשטיינערטער פון שטיין און מויערען
צו דיר.

אומגעבעטענע.

איהר אומגעבעטענע פריינד, וואָס דרעהט איהר זיך ווי שלאַנגען אַרום מיר

אין יעדע גוטע שאַ?
און טראַמפּעלט אין מיין בלוט מיט אייערע האַלפּערדיגע טריט,
און זוכט מיט פאַלשע שליסלען אויפצומאַכען אין מיין האַרץ אַ טיר?

נאָר איך, איך וועהר זיך ניט:
וואָס קענט איהר מיר דען טאָן,
דעם גליקליכען,
וואָס קלאָגט זיך ניט?
וואָס לאַכט פון אייך און אייערע אויפגערודערטע געדאַנקען,
אפילו ווען איהר האָט אין מיר שוין אויפגערייצט א וועהטאָג.

דערפאַר זאָל נאָר אוועק דער שווערער טאָג.
איך זעה, ס'קומט איילענדיג צו מיר מיט פרייד
די נאַכט, דערנאָך: דאָס זיין אליין,
דערנאָך, די רוה,
דאָס בעט, די ביכער, ——
די פריינד די עמעסע און טייערע,
וואָס נעמען מיך צו זיך מיט ליבע צו,
און טרייסטען און פאַרגלעטען די געבליבענע שפורען אייערע,
און צינדען אָן אין מיר א טיף־דערפרייטע, האָפענדיגע פרייד.
עס נעמט קיין רעגע ניט,
און איך זעה: א גוטע צייט נעמט שוועבען
פון ווייט צו מיר.
איך פיהל, איך טראָג נאָך גליקען מעהרער פאַר מיין נוצליך לעבען,
וואָס איהר האָט דורכ'ן גאַנצען טאָג פאַרלאַכט, פאַרהאַסט
ביז וועהטאָג.

שלאָפען געהן.

איצט בין איך מיט מיין ליבען גוטען שלאָף צוזאַמען,
זעהט מענשען — איהר פאַרשטעלטע און איהר אָפענע סאָנים,
איהר אַלע, וואָס פאַרגינט מיר ניט מיין רוה, מיין לעבען,
ווי ליכטיג ס'ברענט איצט א פרייד אויף מיין ברוינעם פּאָנים
ווען כ'גרייט מיר אָט דאָס קאַרג לעבען צו, —
עס איז דער שלאָף, וואָס וועט מיר ברענגען רוה.

שלאָף נעמט אַרום מיט מוטער־פרייד מיין מידען קערפּער,
(מיך פונ׳ם געהן צווישען אייך אין הויז און גאַסען).
און גלעט אַזוי מיר אויס די מידע גלידער מיינע, —
איצט שפּאַסט פון מיר, איהר ווילט, קענט איהר מיך איצט
אויך האַסען:
אַט נעם איך און איך לעג זיך מיט מיין שלאָף אין בעט
און ס׳לייטערט זיך מיין בלוט אין זיסער רוה ביז שפּעט.

איך און דו.

אַ גאַנצע צייט האָב איך אַז אומגעדולדיגער געפרעגט,
וואָס וועט פון וועג דער מאָרגענדיגער טאָג מיר ברענגען ?
אַ גאַנצע צייט האָב איך אַז אומגעדולדיגער געהאָפט
אויפ׳ן מאָרגענדיגען טאָג,
אַז ער וועט ברענגען וואָס.
אַז איך און דו,
וועלען מעהר ניט ווי סאָנים צוויי
איינער אינ׳ם צווייטענס ליבּ,
איינער אינ׳ם צווייטענס בליק,
זיך נורען,
זיך איינגראָבען,
די פאַרלוירענע פרייד און רוה צו זוכען,
און נאָך אַזעלכעס
וואָס עס געפעלט דער קראַנקער שאָ
די געקומענע צו אונז אין אונזער סינע ;
און ווען איך שפּיר דעם אָנריהר פון דיין האַנט
געפעלט אַזוי מיין בלוט.
פאַרטראַגען מיר נאָך אונזער אומגעדולד :
עס וועט פון וועג דער מאָרגענדיגער טאָג באַלד קומען,
אַ רעגע, צוויי, דריי —

עס קאָן דאָך גאָרניט זיין
אַזוי פיעל צייט צו האָבען גאַנץ אומזיסט געוואַרט.
אַט קומט ער אָן — ברענגט ער וואָס?
שאַ, אַט קומט ער אָן.

אויף וועמען ווערט מען בייז.

אווענט —
דער זייגער טיקט —
די הענט, פאַרוואַרפענע אויף מיינע קניה,
זיי קוקען אויך ווי איך פאַרטראַכטע אין די פלאַמען,
וואָס צוקען בלוילעך אויף אין פייער
און פאַלען ווידער זיך צוזאַמען.
און ביי דעם וויגעל זיצט די מאַמע פון'ם קינד
און שטריקט.
אַ, וויפיל רייד האָט זי: —
די צייט איז שווער,
די צייט איז שווער.

איך הער דאָס צו,
אויף וועמען ווערט מען בייז? עס ווילט זיך וואָס איצט זאָגען
וועט עפשער דאָך אויפהערען,
דאָס מיעמדיגע נאָגען.
איך רוף די פרוי פון קינד אוועק
צום אויוועו צו.
לעג צו צו איהרע קיהלע באַקען מיינע הענט:
איך וויל זי זאָל נאָר גוטסקייט אין מיין שווייגען הערען.

זי שטעהט און שטריקט.
און אַלץ אַזוי אומלוסטיג, זאָרגענדיג און מיד.

דאַך ווייסט זי זיך צו היטען ביי די „אויגען" קלייבען,
ביז ס'וועט דערפון וואָס ווערען.
פון פייער וועט נאָר אַש פאַרבלייבען,
און מיינע הענט, צופרידענע, קוועלען אַז פון זיך,
מיין פרוי נאָר רעדט אַלץ איהרע עמעסדינגע רייד
און וועגען שווייגען טראַכט זי נים, —
ווי גוט וואָלט זיין דאָס שווייגען איצט.
נאָר זי רעדט דאָך צו מיר,
ווייל איך האָב איצטער צייט צו הערען.

יעקב גלאַטשטיין.

פֿאָלג איך נאָך...

פֿאָלג איך נאָך דעם שטערען אין מאַריוו זייט
און לאָז זיך ווייטער געהן,
ביז כ׳קום צו אַ פֿיערעקיגען קוואַלכעל צוגעהן.
אַנ׳אַלטער, דאַרער בוים, אַנ׳איינזאַמער,
אויף מיילען און מיילען,
שטעהט איבער׳ן קוואַלכעל געבויגען
און וויינט זיינע בלעטער אין שוואַרצען קוואַלכעל אַריין.
פּלוצים האָט אַ סאָווע אויפ׳ן בוים,
מיין נאָמען אָנגערופֿען.
וויל איך געהן צוריק,
שטעלט זיך אַ דיקער זייל שטאָק־פֿינסטערניש פֿאַר מיינע אויגען.
נעם איך מיין לאַנגען מעסער און שנייד די פֿינסטערניש אויף שטיקער,

שלאָגט אַדורך אַ רויטער שיין
פֿון אַ דרייעקיגער לעוואָנע,
און אויף מיילען טראָגט זיך דער געבריל פֿון טיגער,
און די סאָווע רופֿט נאָך אַלץ מיין נאָמען.
ווער איך אויף אַנ׳עמעם בייז און צושריי זיך:
איך בין דאָך דער שינאָ,
ווען אַפֿילע מיינע קליידער זיינען צעריסען,
ערגעץ וואו מוז דאָך מיין געשיאַ אַ געבונדענע ליגען.
צעלאַכט זיך די סאָווע אויף דעם אַלטען, דאַרען בוים,
און עס ברילט נאָך אַלץ דער טיגער.
וויים איך, אַז ס׳איז מיין מאַזעל
מיט צעבלוטיגטע פֿיס,
אויף דעם קישעף־וועג ווייטער שפּאַנען,

ווייל ערגעץ מוז דאָך מיין געשיאַ אַ געבונדענע ליגען.
פאָלג איך נאָך דעם שטערן אין מאַריוו זייט
און לאָז זיך ווייטער געהן.

ארטעריאָסקלעראָזים

און אויב, אין לויף פון דיינע טעג,
האָסטו מיט גיבער־קראַפט געזיגט
איבער ווערימלעך אַלערליי,
וואָס האָבען מיליאָסענווייז
געלויערט אומעטום אויף דיר.
און אָפּגעבליאַקעוועט האָסטו דיין הויט אין קאַמף.
און פאַרלוירען האָבען דיינע האָר די קראַפט
און ווי גראָז פאַרוויאַנעטער געגראָט זיך
לעבען דיינע שלייפען.
הערסטו דען ניט,
אין דעם לויף,
אין דעם פליס,
פון דיין בלוט אין דיין מאַרך
זינגען ווי אַ גריל,
זינגען ווי אַ טיטוס־וואָרים,
זינגען צו דעם טאַקט
פון אַ לאָפּאַטע־גראָב אין דער שוואַרצער ערד
ארטעריאָסקלעראָזים.
ארטעריאָסקלעראָזים.

און האָט דיר די אויבערמאַכט באַשערט
אַ לעבען ווי אַ זומפּ אַ פרידיגס,
מיט טעג וואָס ציהען זיך
ווי אַ לאַנגער נודנער ניגען,

מיט נעכט לעבען אַ ווייבעל אַ געטריים,
וואָס דערלאַנגט די שטעק־שיך דיר,
ווען קומסט אין הויז
און לאָזט הערשען איר זעל,
צווישען די מאַסיווע מעבעל אין דיין הויז.
אויך דאַמאָלס וועבט אַ שפּין זיך רוהיג
מיט מערדעריש געדולד, אין מויאַך ביי דיר זיין נעץ
און צום טאַקט פון זייגער וואָס קלאַפּט.
און צום טריל פון קאַנאַריק אין דער פריה.
און צום סקריפּ פון דיין וויג־שטול אהין־צוריק.
זינגט דיין בלוט דאָס לאַנזאַם־צושטערענדע ליד.
אַרטעריאָסקלעראָזיס.
אַרטעריאָסקלעראָזיס.

אַרטעריאָסקלעראָזיס.
אַ געדולדיגער גאַזלען וואָס לויערט אויף די וועגען.
אַרטעריאָסקלעראָזיס
דער מוז וואָס מוז געשעהן.
ערגעצוואו איז אַ בלאַט אַ פּאַרוויאַנעטער פון בוים געפאַלען.
האָרך דעם שאָרך.
האָרך דעם רויש.
אַרטעריאָסקלעראָזיס.
אַרטעריאָסקלעראָזיס.

אין אַ זוניגען טאָג

איך?
וואָס בין איך? —
אַ הויפען פון דורכבליצענדע געדאַנקען,
וואָס לאָזען זיך פון עמיצענס קאַפּריזען דיקטירען.

אין זיך

היינטמאָל די זון.
אַ וואַרימע אַפּריל־זון,
וואָס האָט מיט איהרע גראַציעזע שטראַהלען
מיינע געדאַנקען, ווי טויבען אַ יאָג געגעבען.
עפּשער זענען דאָס די טויבען
מיט די גאָלד־גרינע קעפּלעך,
מיט די שוואַרצע שטרייפען אויף די גראָהע פליגלען,
וואָס שפּילען זיך אין דער זון?

איך?
וואָס בין איך?
כ'ווייס ניט ווי אַזוי כ'האָב זיך אויף דעם הויך
פון אַ גרינעם אָמניבוס געפונען
לעבען אַ יונגע בלאָנדע מיידעל,
וואָס האָט איהר פוס האַרט ביי מיינעם געהאַלטען
און מיט איהר אָרעם,
וואָס האָט דורך דעם בלאָה־טיולענעם אַרבעל אַדורכגעבליקט
אָפּטמאָל מיין האַנט געוואַרעמט.
און פאַרוואָס האָבען מיינע געדאַנקען זיך ניט געוועבט
אַרום רוהיגען ברייטען האַרסאַן?
אַרום אָפענעם רויטען קאַרק פון מאַטראָז,
וואָס האָט אַ מיידעל אַרומגענומען?
אַרום די ברוינע אויגען פון מיין שאָבענטע,
וואָס האָבען אַלעמאָל בעגנייווע אַפיר געקוקט
פון אונטער'ן ברייטען הוט אויף מיר.
פאַרוואָס האָב איך אויפ'ן אַלט־טשקען געקוקט?

איך?
וואָס בין איך?

אין אַ זוניקן טאָג.
אויף אַ גרינעם אָמניבוס.
האַרט לעבן אַ בלאָנדע מיידעל,
וואָס פרעסט איהר פוס צו מיינעם
און גאָלד־גרינע טויבען,
וואָס וואַרקען אין מיין האַרץ,
פאָהרט ער אַזוי, דער אַלטיטשקער מיט מיר,
שאָען, טעג, יאָהרען, יאָהרהונדערטע,
מיט דעם אויפגעשטעלטען קאָלנער,
אין וואַרימען זוניגען טאָג,
מיט די איינגעשרומפענע הענט,
און כ׳זעה באַשיינפערליך
דעם סקעלעט אַדורכשפיגלען,
פון אונטער די גרין־געשוואָלענע אַדערען
און די צעקנייטשטע געלע הויט,
ווי אַן אַלט שטיקעל פאַרמעט
און די געלע, ברייטע טויטע נעגעל.
(אַה! דאָס געל־וואַקסיג געזיכט פון טויטען גוי אין האָספיטאַל,
און דער גאָלעך מיט׳ן הייליגען סאַקראַמענט!)

ניטאָ דער האָדסאָן!
און די טויבען
האָט אַנ׳אַלטע מאַכשייפע ביי מיר
אין האַרצען געשאָכטען,
און דער רויטער קאַרק פון מאַטראָז
מיט זיין פּרעכּען מיידעל געהען מיר ניט אָן.
און ס׳איז מיר אַ ראַכמאָנעס אויפ׳ן מיידעל
לעבען מיר, וואָס דריקט זיך צו מיר,
ווען אין מיין פלייש,
האָט דער אַלטיטשקער זיינע געלע, טויטע נעגעל אריינגעלאָזען.

איך זיך

איך?
וואס בין איך?
אין א זוניגען טאג.
אונטער א רוהיגען בלאהען הימעל,
האט דעם אלטימשקענס שאטען מיך פארפאלגט
און מיינע פוס־טריט געהיט.

נירוואנא

פארשטיינערט.
אין זיך אליין פארהילט.
די פיילען פון לעבען פליהען פארביי מיר,
מיט זיבען וואלקען־שלייערס איז מיין גוף פארהילט.
און שטיל אין די טיפע טיפענישען פון מיין הארץ
קוועלט א זעליגע זיסקייט פון מיין ניט־זיין.
טויט צום לעבען, פול מיט לעבען אין טויט.
מיט זיידענע, אונזיכטבארע פעדים
פארקניפט איז מיין נעשאמע מיט די איבער־נאטור.
טרערען פון גליק אויף מיינע פארגלעזערטע אויגען. —
גאט האט זיך מיט מיין נעשאמע באהעפט.

אויפ׳ן מיט־וועג

די נעלע נאכט האט מיין בלוט פארסאמט
און ס׳האט דער בלינדער אינסטינקט מיר פארטרויט:
דא וואלגערסט דו זיך אויף דעם מיט־וועג
פון דיין טרויעריגען זיין,
אזוי פארהוילען איז לעוואנע־שיין געווען
אין דיין נאכט פון ערשטען קומען.

אַזוי פאַרשאָלטען ווערט זי פינסטערען
אין דיין נאַכט פון געהן.
אויפגעפרעסען האָט די נאַכט דעם שיין פון מיינע אויגען.
און געפונען האָב איך זיך אַ וואַלגערענדען אויף מיין
אייגען שוועל.

אַ קלאַפּ מיין קאָפּ אָן שוועל —
האָט אָנגעטראָגען קלאַנג־מוטערס פון אַלע עקען וועלט
מיט צעשויבערטע שלאַנגען אויף זייערע קעפּ,
האָבען זיי געכוויזעקט איבער מיין בראָד:
אוי, אוואיאַ־וואַ
אוי, אוואיאַ־וואַ
אוואַיאַ.
אוואַיאַ.
געקלאַפּט האָט מיין קאָפּ אָן שוועל
און ס'האָבען ווי טויזענדע קעץ
געיאָמערט איבער מיר די קלאַנג־מוטערס.

געגראָהט האָט זיך די געלע נאַכט —
פאַרשוואונדען זיינען די קלאַנג־מוטערס.
נאָר ס'האָט אין מויעך געעגבערט:
יענע מיעסע נאַכט פון דיין קומען איז אונטער דיר,
די נאַכט פון דיין מיט־וועג,
גראָהט זיך אויך צום געהן אַוועק.
אָבער פאַר דיר ליגט נאָך אָנגעגרייט
די נאַכט פון דיין געהן.
און אַזוי פאַרשאָלטען ווערט זי פינסטערען,
און אַזוי פאַרהוילען ווערט זיין לעוואָנע־שיין.
געקלאַפּט האָט מיין קאָפּ אָן שוועל.

דו...

דו ,דו דו,
הויט און ביינער דו.
אָסער, אויב איך ווייס,
ווי ס'האַלטען זיך די ביינער דיר צוזאַמען.
סיידען מיט דעם קויעך פון פייער נאָר אַליין,
וואָס ברענט אַזוי נייערטאַמעדיג אין דיר.
וועסט מענשליך סיי־ווי־סיי ניט שטאַרבען,
נאָר ס'וועט אַזוי אַמאָל
דאָס פייער אין דיר אויסטליען
(ס'מוז דאָך אויך אַ זון אַמאָל אַפּקיהלען)
און וועסט אַמאָל צושאָטען ווערען —
אַ בערגעל ביינער אויף דער דיל.

דו, דו, דו,
זויגסט מיין בלוט מיר אויס,
זויגסט מיין מאַרך מיר אויס,
מאַכסט מיר שוואַרצע רינגען אונטער מיינע אויגען.
אָסער אויב איך ווייס,
מיט וואָס פאַר אַ קויעך אין דיר,
סיידען מיט דעם קויעך פון פייער נאָר אַליין,
וואָס האַלט דעם שוואַכען גוף ביי דיר צוזאַמען.
וואָס פרעסט אַזוי, וואָס צערט אַזוי,
הויט און ביין אין מיר, מאַרך און פלייש אין מיר.

דו, דו, דו,
אין ווילד געיעג נאָך מיר.
פריהער —
שלאַנגען־קריך.

מיט דיין שוך אַ דריק.
אין מיין האַרץ ביי מיר.
אין מיין בלוט ביי מיר.
פּלוצים.
מיט וואָס פאַר אַ קויעך אין דיר
אין ווילדען טאַנץ מיט מיר.
האָפּ־גאַלאָפּ.
האָפּ־גאַלאָפּ.
גרובען טיפע.
שוואַרצע רינגען.

דו, דו, דו,
ועסט מענשליך סיי־ווי־סיי ניט שטאַרבען,
ס'מוז אַמאָל אַ פייער אין וואַלד זיך דאָך פאַרלעשען.
הויט און ביינער נאָר
און וואָס פאַר אַ קויעך אין דיר...

אין רויך

קינדער־שפּיעל.
ס'זשמורען זיך מיינע אויגען.
האַלב־דרימעל.
און דו —
אויפ'ן גרויסען מארים שטול,
אַ קליינע מיידעלע,
אַ פּיצעלעם.
קענסט פאַרטראָגען מיין ציגאַרען רויך? —
אַ רויט צינגעל.
לאַך פון מיר,
באַלד וועט די שטוב שוואַרץ ווערען פון רויך
און מיר וועלען זיך לאָזען וואַלצירען אין רויך

און פליהען מיט איהם. —
הונדערטע רויטע צינגלעך
שטרעקען זיך צו מיר דעם גרויסען נאַר
מיט די האַלב פאַרזשמורעטע אויגען.
פון ווייסען העלזעל
ציהט זיך אַראָפּ דיין ראָזעווע קלייד. —
אַ יאַם מיט בלענדענדע ווייסקייט.
פלוצלונג —
אין גרויסען מארים שטול,
ווערסט אַ קליינטשיג פּינטעלע,
ווערסט אין רויך פאַרשלונגען.
פאַרשווינדסט
פאַר'ן גרויסען נאַר,
מיט די גאַנץ פאַרזשמורעטע אויגען.

טירטעל־טויבען

אימפּולסען פון געדאַנק
בליציגע און ראַשיג —
בליאַסק פון זון אויף מעסער־שאַרף.
פּלוצים:
יעדער יאָהרען און אַ וואָרט:
מעהר נישט ווי אַ וואָרט:
טירטעל־טויבען
און ס'לאָזט ניט אָפּ,
מיט דעם ווייכען קנייטש פון טירטעל,
מיט דעם לאַסטשענדיגען קנייטש.
אָה טירטעל־טויבען
טירטעל־טויבען
טירטעל־טירטעל
טירטעל־טויבען.

כיידער יאָהרען, קינדער יאָהרען.
און עס זינגט.
און פאַרפאַלגט.
און פאַרוויגט.
און דערמאָהנט:
טירטעל־טויבען
טירטעל־טירטעל,
טירטעל־טויבען.

1919

די לעצטע צייט איז קיין שפּור ניט מעהר געבליבען
פון יענקעל בען רעב ייצכאָק,
נור אַ קליינטשיג פינטעלע אַ קיילעכדיגס,
וואָס קייקעלט זיך צודולטערהייט איבער גאַסען
מיט אָרויפגעטשעפּעטע, אומגעלומפּערטע גלידער.
דער אויבער־האַר האָט מיט דעם הימעל־בלוי
די גאַנצע ערד אַרומגערינגעלט
און ניטאָ קיין רעטונג.
אומעטום פאַלען עקסטראַס פון אויבען
און צופּלאַטשען מיין וואַסערדיגען קאָפּ.
און איינער מיט אַ לאַנגע צונג
האָט מיט אַ שטיק רויט מיינע ברילען אויף אייביג באַפּלעקט
און רויט, רויט, רויט.
איהר הערט:
אַט די טעג וועט עפּעס אַזוינס אין מיין קאָפּ פּלאַצען
און מיט אַ טעמפּען קראַך זיך אָנצינדען דאָרט
און איבערלאָזען אַ קופּקע שמוציגליכען אַש.
און איך,
דאָס קיילעכדיגע פינטעלע

וועל זיך דרעהען אין עטהער אויף אייביגקייטען
מיט רויטע וואולען ארומגעהילט.

שטאָט

1

האָט זיך מיין בלייכקייט געלייגט אויף די גאַסען, -
סלופּעס פון טעלעגראַף אין שטאָט
האבען געכאַלעשטעט פאַר מיינע אויגען.
דיביינער מיינע זיינען לער געווען
און פויגעל־גרינג בין איך,
ווי אויף פרעמדע פיס געטראָגען געוואָרען.
דורך די פאַרלאָפענע אויגען מיינע
האָט די שטאָט געכאַלעשט.
דער שטאָט געשריי איז אַ פאַרגליווערטער
אין לופט געהאַנגען.

2

פּלוצים האָט אַ האַנט מיך אַ וואַרף געטאָן
אַ פאַרכאַלעשטען אין מיטען מאַרק.
איבער מיר האָבען מענשען געשפּרייזט
און ס'האָט ווי בינען גערזשומעט
זייער פיעלקעהלדיגער געשריי.
ווי דראָטען זענען מיינע גלידער געוואָרען.
צוויי גרויסע אויערען זענען נאָר
אויף דר'ערד געלעגען
און ס'האָט אדורכגעעגבערט אַ געשריי :
הו, הו, הו, הא. הו, הו, הו, הא.

3

ווער האָט מיר מיטאַמאָל
אזא קרעפטיגען שטויס געטאָן

אז ס'האט מיט מיר געגומען,
ווי מיט א דרעדל דרעהען.
מאכטלאז בין איך געווען
דעם ריעזען שטוים בייקומען;
האב איך זיך א צופרידענער
נאך מיין אייגענעם דרעהען געגומען יאגען.
זענען אזוי יאהרען
אין היסטערישען דרעהען פארשוואונדען.
און האב איך אויף א רעגע נאר
געוואלט דעם אטעם כאפען,
האט אלעם געכאלעשט פאר מיינע אויגען
און דער שטאט־הור־הא איז א געשטארבענער
געהאנגען אין דער לופט.

א טפילע

דער רויש פון דיין מאנטעל־זוים בין איך,
אה, בראהמא!
דער עכא פון דיין ניגען אין א זון־פארגאנג.
דיין כאלעם אין א נעפעל־נאכט.
דו האסט, אי מיך,
אי דאס וואסעריל, וואס שפיגעלט אפ מיך,
אויסגעטראכט —
אין א נעפעל־נאכט.
א זייפען־בלאז האסטו מיך אויף דער וועלט אראפגעשיקט,
אה, בראהמא!
פלאצען וועט דער זייפען־בלאז אמאל.
אויסשפינען וועט זיך דער כאלעם אמאל.
זאל מיך דיין קאפריזנער מויער
מעהר ניט כאלעמען, אה, בראהמא!

פארפאלען

קלער איך זיך אזוי:
ס'פליסט סיי ווי שלעפעריג ס'בלוט אין די אדערען מיינע
און א באגעהר צינדט זעלטען זיך אין מיין הארץ.
זאג איך אזוי:
איך — און די גרויסע זידענדיגע שטאדט.
אזעלכע פרעמדע.
וואס בין איך צו איהר.
א נער, א וויסטער נער.
טראכט איך זיך אזוי:
כ'וועל זיך איבערדעקען מיט דער ווארימער קאלדרע
און דרימלען.
און פון ווייטענס וועלען זיך דערטראגען קוילעס
פון ווילדע שטיפערישע שטאט קינדער.
הא. הא. הא.
דער געשריי, דער געליארם, דער געפילדער
פון דער אייזערנער שטאלענער, בראנזענער שטאט.
אבער איבער מיר וועט רוהיג א שפין זיך וועבען זיין געוועב
און איך וועל שלאפען, שלאפען, שלאפען.
ליג איך:
און כ'הער, ווי די שטאט רעוועט, רופט, מאניעט, ציהט
מיך דעם נער, דעם ווילד פרעמדען.
און כ'טראכט זיך:
עמעס, ס'פליסט שוין שלעפעריג ס'בלוט אין די אדערען מיינע
און די שטאט — וואס איז מיר די שטאט,
אבער אזוי וועל איך שוין אוועקפאלען אמאל
און צושמאלצען ווערען
אין דעם זידען פון דער שטאלענער שטאט.
פארפאלען.

סעזאַמע

עפֿען זיך סעזאַמע.
ס'טונקעלט אין הייל.
און איך
פֿאַרכאַלעשט אונטער דעם יאָך
פֿון די זעק מיט גאָלד, זילבער און בריליאַנטען,
שעפּטשע אַהן קויכעס:
עפֿען זיך סעזאַמע.
די זון האָט זיך שוין מעסטאַמע
צווישען די בערג באַגראָבען
און אַ וויסטע נאַכט באַדעקט שוין וואַלד און טאָל.
פֿינסטער.
כ'האָב מוירע מיינע פֿאַרלאָפֿענע אויגען צו עפֿענען
און זעהן דעם ווילדען סקעלעטען טאַנץ.
שוואַרץ־בלאָהע פֿייערען טאַנצען אין הייל!
ווילד־בלוטיגע עכאָס זינגען כאַרכלענדיג אין הייל!
מיט אַ שוים־פֿאַרלאָפֿענעם מויל שריי איך:
עפֿען זיך סעזאַמע!
ווילדער גאַלאָפּ פֿון פֿערד.
טראָמפּייטען שאַל איבער פֿעלד און טאָל.
נעהנטער.
נעהנטער קומען זיי.
באַלד. באַלד.
אַ פֿאַרכאַלעשטער
מיט שיגאַענדיגען האַרץ־קלאַפּ:
עפֿען זיך סעזאַמע.
סעזאַמע.

בערנאַרד לואיס.

איך

איך, וואָס לעב און פרעה זיך,
בין די פרייד פון דער וועלט.
איך בין דאָס רויטע טורעם־ליכט,
ביים ברעג פון יאַם,
אין כוישעך פון דער נאַכט.
אַ פייער־פלאַם בין איך!
אויף אַ פאַרגראַזטען שליאַך אין וואַלד,
וואָס דערפרעהט דעם מידען וואַנדערער.

— — — — — — — — — — — — — —

אין רויטען אַפּגלאַנץ פון מיין רייץ,
אַנטבלויזטע,
שעהנקייט מיינע,
די זיידענע פיאַלעטען־פעדים
פון מיין נעשאָמע,
אויף אַ בעט פון טאַפּאַזען.
אַרום די מאַיאַקעס פון מיין גלויבען
ציקלאָנירט
דער ציקלאָן פון מיין האָפענונג.
איך בין דער קישעף
פון מיין האַרץ.

מאַרמאָר־נעסט

פון מאַרמאָר שטיינער
וואָלט איך אויסהאַקען,
פאַר זיך,
אַ נעסט.

אין זייט פון א הויכען מישופעדיגען פעלז,
און פארריגלען,
וואלט איך, זיך דארטען.
און וואלט עמיץ וואגלען פארביי מיין נעסט,
קוקען,
וויינען,
שרייען, —
וואלט איך ניט הערען זיין געשריי
דורך די שווערע שטיינערייען.
איך וואלט ניט זעהן זיין שטארען בליק,
וואס דריקט און שטיקט
מיין זעל ;
פארשטעלט וואלט זיין פאר מיר דער שיין,
אין מיין גרויען מארמאר־נעסט.
— — — — — — — — — — — — — —
אומבאוועגט וואלט איך דארט ליגען,
דוירעס,
דוירעס לאנגע, —
ביז איך וואלט, ווי גרויער מארמאר,
זיך פארגליווערט,
אין די באנגע, שטילע טעג.

פלאמטאלין

פלאמטאלין — — —
דו, לאנד פון מיין אייגענעם שיגאען !
אויף דיינע לאנגאניגע דאמבעס
טאנצען אום,
פארקישעפט,
די סקעלעטען פון מיינע געדאנקען — — —

און איך, —
געבלענדט פון דיין האלוצינאציאנישער רויטקייט —
שטעה א פארווירטער,
ביי דעם גליהענדען ראנד
פון דיין פאטומלאזען אפגרונט;
און קוק אראפ
אויף א פאנאראמע
פון בלישטשענדיגע זילבער־שפיגלען
פון מיין פוסטקייט.

— — — — — — — — — — — — — —

פלאמטאלין — — —
דו, לאנד פון אייביגען שיגאען!
איך קום אלץ נענטער,
נענטער;
און באלד
וועט זיך מיין סאנגווינישע בלוט
באהעפטען
מיט דיין האלוצינאציאנישער רויטקייט — — — —
און עס וועלען זיך שויטים
צעלאכען.

דו, גערן...

דו, גערן פון מיינע פארלאנגען!
אויף די ווינטען פון עקסטאז
האסטו מיך —
א יונגען ריז —
געפירט,
ווי א לעמפערט אין געפאנג.
דיינע עראטישע פאנטאזמען
האבען מיין ווילדקייט

ווילדער נאָך געמאַכט.
איך בין דער אומזין
פון דיינע קאַפּריזען!
פאַר דיינע פייערדיגע זוילען,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדען
אין די שוואַרצע קאַנדעליאַבּרעס
פון דיין העל־בּלויען רוים, —
לעשט זיך דאָס ליכט
פון מיינע אויגען.
איך בין אַ שטאָפּעט,
פון אַן אַלטען, בייזען פּרינץ,
וואָס גאַלאָפּירט
אויף אַ שאָסיי
פון פאַרסאַמטע עספּאַראַנצען,
און ברייננג, זיך אַליין, .
די בּסורע פון מיין אונטערגאַנג.

מיין אומרוה

דיין רויטער ווירבעל־שיין,
דיינע ווייסע בּליטען,
לעבען מיינס, —
האָבען מיך,
אַ פאַרוואונדעטען,
געלאָזען ליגען,
פאַר די בּלויע טויערען
פון מיין אומרוה.
איך צאַפּעל זיך,
ווי אַ צעשניטענער שלאַנג אויף רעלסען
קעגען די פּרימאַרגענדיגע שטראַלען פון דער זון,

און פאנטאזיר
פון דיין רויטען ווירבעל־שיין,
דיינע ווייסע בליטען,
לעבען מיינס.

2

מיינע ניט־געשריענע געשרייען
הילכען אין מיין בלוט,
ווי גלעקער־קלאנג
אין א סרייפע־נאכט.
איך בין דאס צושפיל
פון מיין אומרוהס מארש,
דאס צוזאנג פון איהר ליד.
אויסשרייען וועל איך אמאל
דאס לעצטע געשריי
און איינשטילען
די ספאזמישע קאנוואולסיעס
פון מיינע אייוורים.
איך וועל בלייבען ליגען
מיט צעשפרייטע הענט,
פאר די בלויע טויערען
פון מיין אומרוה.

ווילדי־ווילדי־וואו

ברייט־פלייציגער גיבער פון פעלז ראנדערא!
דיין גוואורע־ליד —
ווילדי־ווילדי־וואו —
זינג איך.

אין זיך

באַפּאַנצערט מיט באַיאָרענטעו צאָרן פון דוירעס,
דרעה איך זיך,
אַרום די רונדע בוכטעס פון גאַל,
ווי עס דרעהט זיך אַ פול־בלוטיגע שפּאַניערין
אין אַ פאַרשייטעו פאַנדאַנגאָ־טאַנץ
פאַר צעיושעטע, גיריגע אויגען;
און צעלאַך זיך,
ווען עס בעפאַרבט מיין בלוט
די עלפעגבייגערנע פּאַליסאַדען,
וואָס רינגלען מיך אַרום.

ברייט־פליִיציגער גיבער פון פעלז ראַנדערא !
דיין גוואורע־ליד —
ווילדי־ווילדי־וואו —
זינג איך.

ר. לודוויג.

צו אַ פרוי

— און ווּעסטו שטאַרבען
וועל איך צו דיר אין הויז ניט קומען.
מיט אַלעמען דיין טויט באַוויינען און באַקלאָגען
און איבער גאַסען נאָכ'ן וואָגען
וועל איך ניט געהן...
נאָר קויפען וועל איך אַ בינטעל רויזען,
און אָנטאָן זיך מיין העלע יום־טוב קלייד
און שפּאַנען פון גאַס צו גאַס — צווישען מויערען.
באַגריסען יעדען אויף מיין וועג מיט פרייד
און זאָגען:
ניט וואונדערט זיך — איך מוז זיך פרעהען,
דאָס איז מיין ערשטער טאָג אין לעבען,
ווען איך האָב כאָטש געפונען אויף ווּעמענס טויט צו
טרויערען
און ווּעמעס לעבען צו באַדויערען —
דערפאַר איז יום־טוב היינט ביי מיר...

דאָך, מאָרגען, מאָרגען,
ווען דיך וועט שוין קיינער ניט דערמאָנען,
און נאָר איך איינער
וועל ליגען אין אַ ווינקעל וואו פאַרבאָרגען
מיט ליפּען שטייף פאַרביסענע
און פּרעסען וועל איך מיינע ליפּען
אין זינען בלויז — צו דיינע—
צו מיינע,
פון מיר אוועקגעריסענע...

זעלבסט־פארניכטונג

וואס בין איך ביי זיי
אויב ניט א ווייסער פלעק
וואס ציטערט ווי פארקיהלטע פוס־יויך
אין זייערע הענט?...

וואס בין איך דען ביי זיי:
אויב ניט א פינטעל,
וואס שווינדעלט ווי א פליטערעל
אין דער קאלירלאזער טיעפקייט
פון פארמאכטע אויגען?...

און קומען וועט אמאל דער טאג,
ווען איך וועל זיך צעגעהן
פון פלאמען געהענעם אין מיר,
ווען איך וועל זיך דערטרינקען
אין געהענעם
פון מיין פארשאלטענער נעשאמע...

אי, וועלען זיי דאן טריאומפירען
און העלדיש
פאזירען פאר זייערע שפיגלען
צו זעהן:
אויב זונען ברענען ניט אין זייערע אויגען...

און קיינמאל, קיינמאל וועלען זיי ניט וויסען
אז איך האב זיך אליין פארברענט
מיט פלאמען, וואס סארפענען אין מיר...

ר. לודוויג

צו א קריסטליכער דאַמע פאַר איהר פריינדליכקייט צו מיר

איז קיינער נים געבליבען אויף דער וועלט
נאָר איך — און דו...
און אַרום אונז,
ציהען זיך רויטע שטרעקעס —
באַדעקט מיט גרינע קאַקטוסען
און גרויע ציילאָמים...

א נייע וועלט האָט אויפגעבליהט
פאַר דיינע שמייכעלדיגע אויגען,
א וועלט וואָס איז פאַרשטיינערט....

איז קיינער דאָ ניטאָ,
וואָס זאָל מיט אונז
זיך איצטער פרעהען?...

ביי דיינע פיס צעטראָמטען
וואַלגערען זיך די שלענג,
וואָס האָבען ערשט נים לאַנג באַצירט
מעדוזא׳ס קאָפּ...

מיינע זינד...

מיינע זינד
וואַרפען זיך אין מיר,
ווי צווייישאַרפינע
מעסער...
זאָג!

וואס באהאלסטו אונז אין זיך?...
ליגען ווילען מיר פאר דיר
שעהן ווי פארביגע
זומער־פויגעלאך —
און מיט אפגעדרעהטע קעפלאך.

אין וואלד פון מיין לעבען...

ווי א לייב
א פערוואונדעטער,
א פארבלוטיגטער
ליג איך אין דעם וואלד
פון מיין לעבען...
שטיל —
ווי עס פאסט דעם קעניג פון דעם וואלד
זיינע וואונדען דורכצוטראגען...

און די טעג און נעכט — ווי בלעטער
פאלען, פאלען
און באדעקען מיך
מיט א לייכטען געלען בערגעל —
מיין אומשטערבליכקייט...

ווער רייסט?

ווער רייסט אצינד די סטרונעס פון מיין אלטער מאנדאלין —
און וויינט מיט מיר צוזאמען דא אין שטוב?...

האט זיך פון באוועלם טייכען
דערצויגען אהער א שאטען —

זיין טרויער —
וואָס האָט אויף ווערבעס שטיל געציטערט
האָט זיך צוויי טויזענד יאָהר געריסען,
און אויסגעבראָכען ווילד
און וויינענדיג
ביי מיר אין שטוב? — — —

די טויטע

די טויטע פוילען אין די קוואָרים
ווען טעג מיט רויטע, זשעדנע אויגען
וואַכען אויף פעלדער.

די נאַכט,
די שלומפּערקע — די נאַכט
פאַרשלעפּט זיי אָפּט מיט זיך
צו מיר אין שטיבעל —
זיי ווערען מיינע געסט —
מיט מיר צוזאַמען.
זיי הערען זיך ציטעריג צו
מיט גרויל אין זייערע ביינער;
ווי אונטער מיינע פענסטער
אין דרויסען —
קלאַגען קעץ...

סילועטען

שאָטענדיג און לייכט
וויגען זיך סילועטען
אין דער נאַכט-שיין פון דעם פּאַרק.

ווער קען זעהן דורך א שלייער
באקען פארביגע,
ליפען פלאמענדע?...

ווער קען הערען —
מורמעל־ווערטער פארלירען זיך
אין דעם שארך פון בלעטער?...

ווער קען פיהלען —
פרעמדע בלוט יאגענדיג זיך
וועלטען אויפצובויען?...

ווער קען וויסען —
וועלכער שטערן וועט זיין באשאפען
פאר דער אייביגקייט?...

פראגמענט

ווער וואלט גלויבען?
אין א זומערדיגען לאנד
וועלען פאלען פון די בוימער
געלע בלעטער...
דארע בלעטער...

ווער וואלט גלויבען?
אין א זאמדיג־געלער וויסטע
זאלען שטורמען ברייטע טייכען,
רייסענדיג אפט בוימער
אויפ'ן וועג —
איינזאמע,
צו דעם זאמד, פאריאגטע בוימער.

ווער זאָל וויסען,
ווער זאָל גלויבען:
אין די קנייטשען פון די מידבער־בערג,
אויף די שפּיצען פון די מידבער־בערג,
דאָרט אויך דאָרטען
וועט זיך באַהאַלטען אַן אומעט,
לויערען די איינזאַמקייט
אויסצעקוועטשען טרערען בלוטיגע
פון פאַרוואָגעלטע,
פון פאַרצווייפעלטע...

ווער זאָל וויסען?...
ווער זאָל גלויבען?...

טויט...

אויגען וויינען, וויינען,
אויגען ווערען רויט —
אין אַ ווינקעל וואו דער טויט
לאַכט פון טרערען...

איהם האָט קיינער ניט געזעהן,
ער איז איצט פאַרשטעלט
אין דער דינער קעלט
דאָ אין צימער...

אויגען וויינען, וויינען,
אויגען ווערען רויט.
רוהט אַצינדער טויט
אין אַ האַרץ אָהן בלוט...

איהם האָט קיינער ניט געזעהן.
ס'איז דאָס האַרץ פאַרמאַכט
אין דער נאַכט
פון אַן ענגער ברוסט...

אין סאַבוויי

אַ גראָבער שמייכעל
און וואַסערדיגע אויגען
באַשטראַלען זיך מיט די ליכט,
פאַרדייען גלייכגילטיג דאָס רוישען
פון דעם סאַבוויי...

אָרום,
אויף ברודנע הענט
און קויטיגע געזיכטער
פאַרזיגעלט איז די זעל
פון גאַס און שטאָדט...

געבענשט איז דער —
און עפשער גאָר פאַרשאָלטען —
וואָס קען זיך שמייכלען
געלאַסען, גראָב,
אין דעם סאַבוויי,
און קוקען
מיט שמאָלע וואַסערדיגע אויגען
אויף דעם וואָס שפּיגעלט אָפּ די זעל
פון גאַס און שטאָדט...

א זינדיגע

א זינדיגע,
ווי מיריאַם פון מאַגדאַלע
האָסטו ביים בעט געקניט
און איך בין שטיל און מיד
געלעגען אויסגעצויגען
מיט ברייט צעשפּרייטע הענט
ווי יעזוס א געקרייציגטער...

איך האָב געהערט — דו וויינסט —
און איז דיין טרער אַן עמעסער געווען
און דו האָסט זיך מיט שמערץ געבוקט —
נאָר איך, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען
האָב מיד געוואַכט
און גלייכגילטיג ארום זיך געקוקט.
געזעהן:
ווי אַלע מאָל אין דרויסען טונקעלט זיך די נאַכט
אין צימער בלייבען זיך די ווענט —
און גלאָט אַזוי אַלס צייט־פאַרטרייב געטראַכט:
ווי גוט עס איז צו זיין געקרייציגט
אין דיינע אויגען,
אָהן צייכענס בלוט
אויף מיינע פיס און הענט —
אָהן דערנער־קרענצלאַך אויף מיין קאָפּ —
און אָהן א הארץ וואָס וועהטאָגט —
ווי לייכט און גוט...

אין זיך

צו אַ פרוי

גוט איז דיר, וואָס דו קענסט וויינען.
איך קען נאָר שווייגן און טראַכטן.
טראַכט איך וועגן דיר.
וועגן דיר,
וועגן איהם. —
מיר, טוט עפּעס באַנג און וועה...
דיר, איז שווער און שלעכט,
איהם איז פרעמד זיין היים
פרעמד זיין אייגען ווייב.

דאָך,
גוט איז דיר,
גוט איז איהם —
דו קענסט וויינען
ער — פאַרגעסען.
נר איך בין פאַרשאָלטען
אונזער טרויער אומצוטראָגען
אונזער וועהטאָג שווייגענדיגערהייט פאַרשפּרייטען
פאַר דער וועלט — פאַר פרעמדע אויערען...

אינדיאַנער מאָטיווען

1.

אַ, איהר ווייס געזיכטיגע,
אַ, ווייס־הויטיגע,
צילט ניט אייער נייגעריגקייט
זאָלען אייערע טריט אייך מעהר ניט ציהען
צו די נידעריגע שטיבלאַך,

צו די קויטיג־געלע, לעהם־געבויטע,
צו די אויפגעשטעלטע נארעס
פון דעם קליינעם פימא־שייוועט
צו דעם יישעוו קאמאטקע...

זאל דער קלאפער־שלאנג
אייער טראט דערציטערען.
זאל דער „ריילא מאנסטער"
אייך מיט זיין גיפט שרעקען.
זאלען די עסטרעלא־בערג
אייך דעם וועג פארשטעלען.
זאל דער הייסער מידבער־זאמד
רויט ביז בלוט־פארלאפענהייט
אייך די אויגען בלענדען,
זיי ביז בלינדקייט פרעסען...

א, איהר וויים־געזיכטיגע,
א, וויים־הויטיגע,
קומט איהר אייער רוהיגקייט איצט זוכען,
די שוין־לאנג פארלארענע,
אויף די ארימע, פארטריקענטע,
אויף די אפגעצאמטע
מידבער־פעלדער
ביי דעם יישעוו קאמאטקע?

צי איהר שפאנט אהער ווי זיגער,
אייער הארץ מיט פרייד אנזעטיגען
וואס מיט זאמד גלייך —
ליעגט די שטאלצקייט
פון דעם קליינעם פימא־שייוועט?...

צי איהר קומט זיך וואונדערען
זעהן, ווי די שטארקע ברוינע לייבער
און די מוסקולען פון בראנז
אנגעשטרענגט, פארבענקט רייסען זיך
פון די ארים־לייכטע קליידער
צו דער פרייהייט פון אמאל —
צו די שטראמען ווארעמקייט
פון דער זון?...

עפשער, עפשער ווילט איהר איצט שוין טרעפען
וואו, אין וועלכען ווינקעל
וועט דער לעצטער פון די פארטריבענע
און פאריאגטע אין אן אייגען היים־לאנד
זיך אויסציהען און פארגעהען
מיט דעם לעצטען זיפץ,
מיט דעם לעצטען אטעם
פון דעם פימא־שייוועט?...

א, איהר וויים־געזיכטיגע,
א, וויים־הויטיגע,
וועקט ניט וואונדען אין די הערצער.
ברעננט ניט טרויער פון אוויילים,
וואנדערט ניט אין זאמד און מידבער
צו דעם קליינעם פימא־שייוועט,
צו דעם יישעוו קאמאטקע...

.2

שניידט איבער די סטרונעס
זאל זיך דער בויגען אויסגלייכען,

אונזער פייל וועט מעהר נים פליהען
צו דעם בלויען הימעל...

ביי די בערג, ביי אונזער גרעניץ
שטעהען אונזערע פערד געפענטעט,
גריזשען דארע מידבער־ווארצלען
נעבען פרעמדע פעלדער,
רייך מיט בליהענדער אלפאלפא...

קומט זיך צוזאמען איהר ווינטען,
פון דעם צאפען, פון דעם דארעם,
פון דעם מיזראך, פון דעם מאריוו,
העלפט אונז וויינען, ביטער זינגען
אונזערע לידער פון פארגעהונג...

ווילדע אדלערס, רויבער פויגלען,
מידבער־פיקסלאך און קאיאטען...
שארפט די שנאבלען, שארפט די ציינער,
טרעט ניט אפ פון אונזערע שוועלען־לעבער,
באלד וועט קומען אייער יאנטעוו,
אונזער טויט וועט אייך איהם ברענגען...

.8

אפגעווישט איז שוין דער קריגס־וועג,
פרידליך זיינען לאנג שוין די אפאטשעס
מיט דעם געגנער־שייוועט, מיט די בראווע מאריקאפאס...
שווער איז אבער פאר דער רעכטער האנט זיך אויפצוהויבען
צו באגריסען ווייס־געזיכטיגע...

שווער באוואפענט זיינען זיי צו אונז געקומען,
דאָס געוועור פאַרדעקט מיט זיסע ווערטער,
ווי גייסטער האָבען זיי פאַר אונז געוויזען
זייער וואַרעמע גוטהאַרציגקייט
אין דעם רויך פון פולווער...

דולדען קענען מיר אויף אונזערע גרעניצען די האָפּיס,
די מאָהאָוועס, נעוועהאָס און די מאַריקאָפּאָס...
פרעמד און פיינדליך שוויינענדיג וועלען מיר שוין פאַרבלייבען
צו די ליגנערישע ווייס־געזיכטיגע...

4.

די זון וועט זיך באַלד טרינקען,
און שווייגענדיג קריכען מיר
צו דעם הויכען באַרג־שפּיץ.

צוויי זונען
פאַרגעהען אויך אין זיינע אויגען —
און זיין געזיכט:
א ברוינע מאַסקע
פון מעלאַנכאָלישער פאַרביסענהייט.

און שטיל האָט ער געזאָגט,
און שטיל האָט ער געמורמעלט:
מיר האָבען ליב די בערג.
אויף זייערע שפּיצען —
דאָס פרייע פלאַך־לאַנד פון אַמאָל...

.5

אין די פאַרנאַכטען.
די סלופּעס פון דעם טעלעגראַף
ציהען זיך אין דער לענג פון וועגען,
ווי טונקעלע צלאָמים...

מיט זיי
האָט אויפגעוואַכט די בענקשאַפט
פון אונזערע קינדער,
און אונטער זיי
ליגט אונזער פרייד באַגראָבען —
די רוהיגקייט
פון אונזער שייוועט...

.6

געבעט נאָך רעגען

הונגעריגע קינדער
שטעהען מיר פאַר דיר —
און געדולדיג ווי די בוראַס אין דער וויסטע...

אונזער קעל איז טרוקען,
אונזער צונג איז דאַרשטיג,
און די קוקורוזע — —
דאַרט אָהן פייכטקייט...

שיק צו אונז די אָנזאָגערס פון פרייד — די וואָלקענס,
טרייב אַרויס פון זייער באַהעלטעניש דעם רעגען,
יאָג דעם שניי פון אַלע בערג
טייכענווייז צו אונז אַראָפּ...

מיט זייערע קיילים שטעהען אונזערע ווייבער גרייט צו
 שעפּען וואַסער,
מיט די קיילים שטעהען אונזערע טעכטער גרייט צו שעפּען לעבען,
ציטערדיג ווי מיר איז אונזער קוקודוזע,
גרייט די וואָרצלען אַנצוטרינקען...

פון די העכסטע פעלזען היטען אונז די שפּעהערס פון
 דעם סוינע
פון די העכסטע פעלזען וואַכען אָדלער־אויגען איבער אונז,
וואַרטען אונזער לייב זאָל ווערען מיד פון הונגער,
וואַרטען ווען אַ שוואַכקייט וועט באַפאַלען אונזער שיוועט...

.7

נאַאיסאָוואַס טויט

נאַאיסאָוואַ שלאָפט איצט רוהיג ביי איהר מוטערס ברוסט.
נאַאיסאָוואַ איז די טאָכטער פון דער רויטער ערד.
פעהלען וועט דעם ווינט־גייסט דאָס געזאַנג פון נאַאיסאָוואַ,
בענקען וועט דער בערג־גייסט נאָך די טריט פון נאַאיסאָוואַ,
בענקען וועט דער קריגער פאַנאַוואַטיוואַ נאָך איהר רייפקייט...

ביי דעם בויען פון די שטיבלאָך וועט פעהלען די האַנט פון נאַאי־
 סאָוואַ,
ביי דעם מידבער־טייכעל וועט פעהלען דער קרוג פון נאַאיסאָוואַ,
ביים געבעט נאָכ'ן רעגען, ביי דעם שלאַנגען־טאַנץ,
וועט בלייבען לעדיג דאָס אָרט פון נאַאיסאָוואַ.
נאַאיסאָוואַ איז די טאָכטער פון דער רויטער ערד,
נאַאיסאָוואַ שלאָפט איצט רוהיג ביי איהר מוטער'ס ברוסט...

א. לעיעלעם.

ביי דעם גאַנגעס

ביי דעם גאַנגעס, ביי דעם גאַנגעס,
בליהען לאָטאָס־בלומען.
אויף די הויכען פון עקוואַדאָר
טורמען פאַלמען־וועלדער
און ברומען אַן אייביג רוה־ליד.
און דאָרט ערגיץ אין אַ לאַנד אַ ווייטען,
אָהן אַ נאָמען,
איז אַ קוואַל פאַראַנען,
שלאָגען פון איהם שטענדיג
אַזוינע לויטערע פאָנטאַנען,
וואָס זייער יעדער שפריי גיט רוה,
רוה, רוה.
און דו ?
אין די טאָלען פון אייביגער אומרוה,
זינג און —
נישטיגקייט...

צו דער, וואָס איך טאָר ניט ליעבען

מיין הויט איז ניט שוואַרץ,
און איך קום ניט אַרוים — ווי קלאָר מעק־קיי — פון
אַפריקאַנער שקלאַפען.
דער טעמפּער, בלייענער פאַרקען פון ראַסע
טיילט מיך ניט אָפּ פון דיר מיט פאַרסאַמטע שטאַכעטען.
דאָך ליעבען דיך טאָר איך ניט.
ניט נאָר דיר —
אפילו זיך אַליין טאָר איך עס ניט זאָגען.

איך בין היינט געזעסן אין פּאַרק.
געצעהלט די אָראָפּגעפאַלענע בלעטער פון אַ בוים,
אויף וועלכען מיין טעכטערל האָט געזאָגט:
„פּאַפּאַ, זעהסט: אַ טויטער בוים."
איינס. צוויי. דריי. פינף. עלף.
פופצעהן. צוואַנציג. ניי־און־צוואַנציג.
דרייסיג.
האָב איך זיך ווידער דערמאָנט,
אַז איך בין שוין אויף יענער זייט דרייסיג,
און אַז עס איז שוין קעמאַט אַלץ — אַלץ איינס.

וואָס וואָלט געווען,
ווען איך וואָלט דיך באַגעגענט מיט עטליכע יאָהר פריהער,
און אין דיין אַלבאָם,
א ו נ ז ע ר אַלבאָם,
וואָלטען געלעגען עטליכע פּאָרטריקענטע בלעטלעך
פון מיינע געשאָנקענע רויזען?
מיינע דרייסיג יאָהר זאָגען מיר:
דאָס זעלבע.
„אַהין דער בלאַט פון לאָרבערען ציהט,
אַהין דאָס רויזענבלעטעל פליהט."
אָ, קלוגע, ערפאַהרענע יאָהרען/מיינע!

און דאָך קען איך שוין גוט די אוצאָרען פון דיינע גאָרדינען.
דאָך זיינען מיינע פּאַפּירען פול מיט שאַראַדען פון דיין נאָמען.
דאָך דאַכט זיך מיר אַלץ אויס,
אַז אין דעם טייך פון צייט,
אויפ׳ן דעק פון דעם טייך פון צייט,
ליגט אַ צויבער־רינג,
וואָס איז געווען פאַר מיר באַשטימט,

און וואס איך האב פארזעהן, פארזעהן.

ספיראלען און נעצען,
נעצען און ספיראלען.
געשריי פון א כאיע, וואס כאפט זיך צום טויזענטסטען מאל,
אז זי איז אין א שטייג.
קלוגשאפט פון דער געצאמטסטער כאיע אויף דער ערד.
„פאפא, זעהסט: א טויטער בוים.“

שלעסער

שלעסער —
שלעסער פון אייזען געבויט און גראניט,
שלעסער פון מארמאר און פון מאלאכיט,
שלעסער פון בראנז און געגאסענעם שטאהל,
שלעסער, און שלעסער, און שלעסער אהן צאהל.

שלעסער —
ביבליאטעקען און מוזעאומס,
מאנומענטען, מאוזאלעאומס,
טעמפלען, קירכען, קאטעדראלען,
אלע שלעסער —
איצטער פאלען, פאלען, פאלען.

אבער מיינע שלעסער —
געבויט פון פארלאנגען,
טעגליכע זוכעניש, נאכטליכע באנגען,
רעגונגען, זעהונגען,
שטרעבונגען, וואונשען;
געפלאכטען, געשפונען

פון ווייטע לעוואַנעס און ווייטערע זונען,
פון האַרצענס־באַגעהרען,
וואָס הערען
ניט אויף פון דעם האַרצען צו שטראַהלען:

מיינע שלעסער קאָנען קיינמאָל
ניט פאַלען, ניט פאַלען, ניט פאַלען.

דו האָסט מיר דערעסען

דו האָסט מיר דערעסען.
דיין גאָהענטקייט,
דיין בליק,
דיין שלאַנקער קערפער —
זיי זיינען מיר געוואָרען ווי אַ כמאַרע אָפּגעפאַלענע בלעטער,
וואָס דער מאַריוואָ־ווינט האָט פון דער ערד אַ הויב געטאָן,
און אין דער לופט צומאָלען,
פאַרכאַפּענדיג און פאַרשטויבענדיג
מיין אויג און אָטעם.

דיינע הענט,
נאָך וועלכע מיינע האָבען אַמאָל אַזוי געבענקט,
זיי זיינען מיר געוואָרען ווי אַ בינטעל צווייגען,
וועלכע גיבען אונערוואַרטעט אַ פּאַטש אין פּאָנים,
ווען דו געהסט, אַ פאַרטראַכטער,
ערגעץ־וואו, אויף אַ וועג,
וואו עס דאַרפען קיין בוימער ניט וואַקסען...

דו האָסט מיר דערעסען!

איך האָב אַמאָל געזוכט אין דײַנע אויגען
ווײַל כ'האָב געמיינט:
זיי זוכען אין מײַנע אויגען דעם אומעט, וואָס טונקעלט דאָרט,
אַ שאָטען פון אַלע דעמערונגען פון אַלע צײַטען,
אַ פלאַטער אויך פון דײַן זעלען־דעמערונג.
איצט ווייס איך:
דײַנע אויגען האָבען אין מײַנע בלויז אַ רעוועראַנס געזוכט,
אַ רעוועראַנס צו דײַנע גרויסע שוואַרצאַפּלען,
צו דײַן קעציש־בויגזאַמען קערפּער,
צו דײַנע זיך ציהענדע הענד.
ניט מ ײַ ן ליעב אַפילו,
נאָר אַ פּערזאָנענלאָזען, נאָמענלאָזען
רעוועראַנס.

געה!

מען דאַרף ניט קיין געזעגנונג
און קיין אַפּשיעד־ווערטער.
ניט איך, ניט דו ווילען באַרויערען.
איך — ווײַל איך וויל ניט,
דו — ווײַל דו קענסט ניט.

און זײַן וועסטו מיר —
ווי אַ נאָוועמבער־רעגען, וועלכער פּאַרכאַפּט אין גאַס
און נאָך וועלכען דו שטעהסט בײַם קאַמין,
וואַרימסט זיך,
און היטסט דאָס צאַנקען פון די אויסהויבענדע קוילען.

און איך דיר —
נאָך אַ שנירעל קרעלען,

נאָך א טראָפּעע,
מיט וועלכע דו וועסט צעהלען, איבערקלייבען דיינע ערפאָלגען...

נאָקטורן

„אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
זינגט די נאַכטיגאַל".
צוויי אַלטע רוסישע שורעס,
נאָר ווי דער פריידיגער שאַל
פון דעם לאַנג שוין פארקלונגענעם געלעכטער
פון מיין קינדהייט —
קלינגען זיי אין מיין אויער,
און ווי מיין אַמאָליגער געלעכטער
וועקען זיי אין מיר מאָדנעם טרויער.

איז עס ווייל זיי דערמאָנען מיך אָן דעם וואס פארלאָרען,
פארשוואונדען,
פארגאַנגען — ניטאָ מעהר...?
קינדער־יאָהרען.
שול־יאָהרען.
רוסישע גראַמאַטיק.
א רוסישער לעהרער מיט א בלאָנד בערדעל,
מיט גלאַנציגע מעשענע קנעפּ.
גרויסע שול־געביידע,
מיט ברייטע, שטיינערנע טרעפּ.
און מיר שילער — שטיפעדיגע, לאַכעדיגע,
לויפען אויף זיי,
און אונזערע שטימען —
ווי נים אָן א פלאַכען טעלער —
שלאָגען זיך אָן, צושיטען זיך אָן דעם טרעפּען־שטיין,

און אָן די ווענד פון די ברייטע קאָרידאָרען.
און איך אַליין — אַזאַ בלאָנדער, פרישער, העלער,
מיט אַזאַ העלען, בלאָנדען געלעכטער,
אַ קינדיש־שעהנער,
נאַאיווער,
גלויביגער,
געדעכטער...

אָדער טוט מיר פלוצלינג באַנג,
וואָס איך אַליין
האָב קיינמאָל ניט געהערט קיין נאַכטיגאַל
און זי און איהר געזאַנג
זיינען פאַר מיר אַ לעגענדע פון אַ ווייטען לאַנד,
אַזאַ ווייטען, ווי דאָס לאַנד פון מיין טרוים,
ערגעץ ביים ראַנד
פון דעם ניט־דערגרייכבאַרען?
איצט איז שטיל,
שטילקייט פון נאַכט,
און עס וואָלט עפשער גוט געווען,
אַז אַזאַ צויבערדיגע האַנט זאָל מיך זאַכט
אַריבערפיהרען אין יענעם ווייטען לאַנד —
ביים ראַנד
פון דעם ניט־דערגרייכבאַרען;
כ'זאָל שטעהן אונטער אַ גרין־דופטענדען בוים
און ניט געטראַכט, ניט געטראַכט,
נאָר געהאָרכט און פאַרנומען
דאָס ליד פון דער נאַכטיגאַל —
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

שטיל.

ניטאָ קיין רוסישער לעהרער.
קיין רוסישע גראַמאַטיק.
בלויז:
„אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
זינגט די נאַכטיגאַל".
און —
ניו יאָרק,
אַליין אין מיין צימער,
אונטער׳ן קאַלטען שימער
פון עלעקטרישען לאָמפּ;
ביים גרילענדען זינג־זאַנג
פון ראַדיאַטאָר,
וועלכער ברומט אַזוי באַנג
און וויל אַלץ, דאַכט זיך, דערצעהלען:
„אַמאָל איז געוועז..."

ביזנעס

...פון דעם ווייסען נעפּעל גליטשט זיך אַרויס דער קעלנער.
איך באַשטעל אַ סענדוויטש,
און בלייב זיצען אַזוי אויטאָמאַטיש,
אָפּהענגיג —
אַ טייל פון דעם געוויש, וואָס איז אַי נאָהענט, אַי ווייט,
אַ שטויבעל, וואָס דרעהט זיך אַרום זיך אין פליסענדען נעפּעל.

הינטער דעם טומבאַנק שטעהט דעם רעסטאָראַטאָרס טאָכטער,
מיסטאָמע בלויז אַכטצעהן יאָהר אַלט, ניט מעהר.
דאָס מעסער, וואָס זי האַלט מיט איהרע ווייסע, דינע פינגער —
בלאַנקענדער שטאָהל —
בליצט יעדעס מאָל, ווען עס שניידט זיך איין אין פלייש.

זי שניידט און איהרע פינגער:
בלאסע פערעל־שנורען אויף א רויטען, דיקען קארק.
די יונגע בריסט פלאטערען אויף דער שווארצער, געפאסטער בלוזקע.

איך ציטער פלוצלינג אויף.

— א ווייסער אינדישער טעמפעל.
יונגע מיידלעך מיט דינע, נערוועזע פינגער,
מיט ערשט־פאררונדעלטע, בויגיגע גלידער,
זענען מאקריוו זייער מיידעלשקייט צום אלץ־ליבענדען, אלץ שאפענדען גאט.
איך בין דער פריסטער אינ׳ם טעמפעל פון פרוכטבארקייט,
און נעם צו געלאסען, רוהיג און גאטספארטיג,
דעם מיידעל׳ס מאטאנעם:
דעם פלאטער פון די ניט באריהרטע בריסט,
די ווייסקייט פון איהרע צארטע, דינע פינגער,
די יונגע שרעקעדיגקייט פאר דער מיסטעריע פון געשלעכט.
רוהיג און גאטספארכטיג, טוענדיג דעם אייביגען ווילען פון דעם אייביגען גאט.

פריהלינג.
גרינקייט פון פעלד און וואלד.
קנאספען פלאצען און פלאצען.
מאגנאליא־בוימער שפרייען זייער ווייסע, שמעקעדיגע בליהונג.
איך, געטריבען פון זונשיין און די פלאצענדע קנאספען,
געיאגט פון דעם געזאנג אין מיין בלוט,
לויף אין וואלד, אין פעלד און זוך.
מיינע פיס — פלינק, מיינע ארעמס — שטארק.
איך פאנג ז י.
זי האט מיך אויך געזוכט,

און געווארט איך זאָל זי פאַנגען.
טיעפער אין וואלד אריין!...

געראויש פון יונגע בלעטער.
ווייכקייט פון געדיכטען, פרישען גראָז.
אראָמאַט פון פלאַצענדע קנאָספּען.
פלאַטער פון עלאַסטישע גלידער.
שטילע, שטילע צורופונגען...

דער קעלנער ברענגט מיר דעם סענדוויטש.
אהאַ! מיין יונגפרוי, מיין פרעהיסטאָרישער זיוועג וויים,
וואָס עס הייסט ביזנעס,
און ווי פון דינע דורכזיכטיגע סענדוויטשעס זאָלען ווערען אויטאָמאָבילען,
מיט פרעהליכע שפּאַצירען־שפּילען אין די פּארקען,
אין די אַלעען,
אז אַלע זאָלען זעהן!

אָבער ווי וויים און דין זיינען איהרע פינגער!
ווי שמעכטיג שלענגלען זיך די קרעסצענטען
אונטער דער אָנגעצויגענער, שווארצער בלוזקע!
איך מאַך צו די אויגען,
פיהל אַ צוקען,
און אין דעם וויסען גנעפּעל
פון געדעקטע טישען,
פון מיילער, וואָס עפענען און פארמאַכען זיך ווי קופערט־דעקלעך אויף ווייכע פרוזשינעס,
פון גאָפּעל־געקלונג,
מעסער־געבליץ,
און ביזנעס,
נעמט מיר דורך אַ נאָך קיינמאָל ניט געפיהלטע פיעטעט.

...סעלימא...

סעלימא, סעלימא.
רויטע דיוואנען רויטלען זיך רויט;
צונגען פון פייער,
פלעמלען זיך, צינדען מיט רויטקייט.
רויטע דיוואנען — כוואליעס פון פלאמענדען מאן,
גליהען און בלענדען,
לאשטשען און גלעטען
מיט ווייכקייט.
מיט רויטער און פלאמענדער ווייכקייט,
מיט ווייכער און לאשטשענדער רויטקייט.

סעלימא, סעלימא.
גלוטיגע ליפען פון בליהענדען רויט,
גלוטיגע ברוסט־שנעבעלעך פון מאניענדען רויט.
זיי פלאטערען, פליסטערען, דופטען מיט רויט
און צויבערען אויס פורפורנע, פאמסענע נעפלען,
און צינדען דעם מארך אין מיט רויט.
פון זיי שפינען זיך, שפינען זיך
רויט־ראזע וואלען,
צונטערנע שאלען,
וואס פליהען — און ציהען
אריין אין א ווירבלענדען, רויטען געדרעה.

סעלימע, סעלימא.
אין רויט־ראזען אראמאט
שלאנגט זיך די ליניע פון לעפעל פון אויער
אריבער דער רונדקייט פון שמעכטיגען שולטער,
אריבער דעם פלאטער פונ׳ם דיך —

אריין אין דעם שוים.
און ציהט זיך דאַן ווידער אין ראָזע קרעסצענטען
ביז דעם פינגער, דעם קליינעם, פון פוס.
און ס'קראַמפט זיך די ליניע
אין רויטליכען קראַמף
און שמעכטיגט מיט רופענדער רויטקייט.

סעלימאַ, סעלימאַ.
דאָס שלאַנגענדע רויט,
פלאַטערט אויפ'ן רויטען דיוואַן,
שטרעקט זיך אויפ'ן רויטען דיוואַן,
ליגט אויפ'ן רויטען דיוואַן —
אַ בלענדענדע, צינדענדע, שלאַנגענדע, לאַשטשענדע, רופענדע רויטקייט.

סעלימאַ !...

פרינצעסין

וויאָלעט פון מעלאַנכאָלישע פאַרנאַכטען.
וויאָלעט פון אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען.
זיפצענדע, ווייכע, וויאָלעטענע וועלען
פון די וויאָלאָנטשעלען
אין פאַרנאַכטיגע שאָען

הינטער זיבען יאַמען,
הינטער דרייצעהן בערג,
אויף דער ליניע, וואו אין לילאַנע פלאַמען
ציטערט דאָס ראָז פון דעם טאָג —
דאָס בלוי פון דער נאַכט,
שטעהט אַ שלאָס פון אַמעטיסטען.

אין דעם שלאָס — אַ צימער,
איינגעהילט אין לילאַ־שימער.
דאָרטען וואַרט
מיין בענקשאַפט.

איז זי פּרינצעסין ?
איז זי אַ פרוי ?
האָט זי פאַרגעסען ?
געדענקט זי געגוי ?
זי האָט ניט פאַרגעסען,
נאָר געדענקט ניט גענוי.
זי איז פּ ר י נ צ ע ס י ן,
זי איז די פרוי.
זי איז מיין בענקשאַפט,
איינגעהילט אין ווייכען צאַנקענדיגען אַמעטיסטען־שימער.

אויך איך געדענק ניט איהר פּאָנים,
וויים ניט ווער זי איז.
נאָר איך קאָן זי ניט פאַרגעסען,
מיין ווייטע פּרינצעסין.

אינ׳ם פּערלמוטער פון פאַרנאַכט, —
(ערגעץ וואו פּלאַצען די בליטען פון בעז) —
זיפצט אויף איהר נאָמען אין מיין האַרץ.
מיינע הענט שטרעקען זיך אויס צו איהר,
און איהרע צו מיר —
איבער די בערג פון וויאָלעט;
איבער די יאַמען פון לילאַ.
און ס׳פינקלען אויף די אַמעטיסטען פון איהר שלאָס
אין מיין בלוט.

איהר קרוין
טרוימט אויף אין מיר מיט א פיינליכען טרוים.
און עס זיפצען די וואונדיגע וועלען
פון די פארנאכטיגע טשעלען —
זיפץ פון דעמערונג;
פון ציטערענדען פריהלינג;
פון אלץ, וואס מוז און וויל ניט פארגעהן.

האט זי פארגעסען?
זי האט ניט פארגעסען.
זי איז פרינצעסין,
זי ק א ן ניט פארגעסען.

נאר פלוצלונג וואקסט אויס א וואנט
צווישען איהר און מיר.
שווארצע ריזען ווערען די בערג,
שווארצע פוריעס — די יאמען,
און זיי רייסען אונז פונאנדער,

אונז מיט אונזער קיינמאל ניט געלאשענער בענקשאפט.
א וויינענדע וועלען
פון פארנאכטיגע טשעלען!
א דו געזוכטע אימער, אימער
אין אמעטיסטען־שימער!
א פרינצעסין!

יאלאנדא

קרייזעלט די ליולקע מיר קרויזען פון רויך,
שטייגט פון דער ליולקע אין דער הויך, אין דער הויך,
און ס'וויקעלט פאר מיר זיך פאנטאסטיש אזוי
א נעפעל פון בלוי, א נעפעל פון בלוי.

איך האָב ליעב בלוי, יאַלאַנדאַ.
סאַפּירען־בלוי,
טורקוזען־בלוי,
פון דיינע אויגען וויקלען זיך רינגען פון בלויע שלאַנגען,
איז דאָס מיין שיקזאַל:
געפאַנגען פון בלויע שלאַנגען.

בלויער שיין פון סאַפּירען, טרוימען מיינע פון יוגענד!
זיי פאַרפיהרען, פאַרפיהרען, און איך היט זיך ניט פון זיי.
בלייבער שימער פון טורקוזען —
מיר מוזען, מוזען בויגען אונזער קאָפּ פאַר זיי.
זייער בלויקייט בייט זיך
פון יעדען קאַפּריז פון הימעל,
און יעדער קאַפּריז פון הימעל
איז אַ ציטער אין אונזער האַרץ.
אַזאַ ביזטו, יאַלאַנדאַ,
יונגי־בליצען־יאַלאַנדאַ.
ביזט שטענדיג לעבען מיר,
און שטענדיג ווייט, יאַלאַנדאַ,
מיין לעבען איז אַ וואַנדער, אַ וואַנדער בלויז צו דיר.

— כ'האָב טויזענט וועגען, יעדער וועג — טויזענט שטעגען,
אויף אַלע — די שפּורען פון מיין וואַנדערען צו דיר.
כ'הער מיליאָסען שטימען, יעדע שטים — מיליאָסען קלאַנגען,
אין אַלע — דיין געלעבטער:
לאַי־לע־לי, לאַי־לע־לי,
און הערט עס מיין האַרץ, האַלט עס ניט אויס,
פון פרייד שפּרינגט עס אויף,
מיט פרייד זינגט עס נאָך:
לאַי־לע־לי, לאַי־לע־לי.

(דאָס דאָזיגע האַרץ,
דאָס דאָזיגע האַרץ
וועט אויסגעהן אַמאָל פון דיין ווייטע, מאַניעַנדיגע לאַכען.)

מיר דאַכט זיך אַלע מאָל אוים:
אַט זעה איך דיך שוין,
אַט בין איך לעבען דיר,
און צוגעה, לייז זיך אויף אין דעם בלוי פון דיינע אויגען.
נאָר יעדעס מאָל גליטשסטו זיך אַרוים, יאָלאַנדאַ.
דו ווערסט ניט,
דו פערשווינדסט.
די בלויע שלאַנגען דרעהען זיך פאַר מיר,
די סאַפּירען פאַנגען מיך אין זייער נעץ,
די טורקוזען פאַרפיהרען און רייצען.
נאָר דיך קען איך ניט דערלאַנגען.

איך בין שוין מיד, יאָלאַנדאַ,
דיך זוכענדיג.
איך ווער שוין אַלט, יאָלאַנדאַ,
דיך גאַרענדיג...

קרייזעלט דער רויך זיך אין קרויזען,
פלעכט זיך אין בלוי־בלויע רויזען,
און פאַרשווינדט:
ווי די בלויע פאַרלאַנגען פון מיין האַרץ, יאָלאַנדאַ;
ווי די פאַלשע קלאַנגען פון דיין געלעכטער, יאָלאַנדאַ;
ווי די פאַנגענדע שלאַנגען פון דיין אויג, יאָלאַנדאַ,
ווי איך, יאָלאַנדאַ, און ווי אַלץ, וואָס אין מיר...

עלאדעא

גלעקלעך פון גאלד,
גלעקלעך פון גאלד,
קלאנגען פון זון־אראנזש־גאלד;
א מייסע וואס האט געזאלט,
א מייסע וואס האט געזאלט זיין,
און ניט געווען.
ווער האט אין די לאנגע, באנגע נעכט,
ווער האט אין די גרויע, רויע טעג
געטרוימט פון עלאדעא'ן?
ווער האט אין די לאנגע, באנגע נעכט,
ווער האט אין די גרויע, רויע טעג
געבעטען צו עלאדעא'ן:

עלאדעא, עלאדעא,
הער מיך צו:
גאר דער וועלט — גאר די וועלט,
מיר — בלויז דו!
עלאדעא, עלאדעא,
ענג די שטוב, און פרעמד די גאס, און זעה:
איך שפאן און שפאן;
עלאדעא, עלאדעא,
ברענג דעם טאליסמאן!
עלאדעא, עלאדעא,
קום, ערשיין!
עלאדעא, עלאדעא,
וואס וואלט זיין,
אה, וואס וואלט געקאנט פון מיר אלץ זיין
מיט דיין גאלד,

מיט דיין זון־און־אראנזש־גאלד!
ווער האט אזוי געבעטען?
און ווער האט געצייכענט אין זאמד,
און באשריבען אלע פאפירען,
און באקריידט אויך אלע טירען
מיט דעם נאמען:
עלאדעא, עלאדעא?

קומט, בעטער, צו מיר.
מיר וועלען געהן צום טייך,
צום גרויסען, הייליגען טייך,
וואו עס שפיגעלט זיך דאס גאלד,
דאס זון־און־אראנזש־גאלד
פון עלאדעא׳ן.
מיר וועלען שטעהן ביים טייך,
וואו עס איז צעגאסען דאס גאלד,
צעפלאסען דאס העלע גאלד
פון עלאדעא׳ן;
און מיר וועלען ווארפען אין טייך
דאס גאנצע צירונג אונזערס:
אמעטיסטען פון געקאנט;
רובינען פון געדארפט;
טאפאזען פון געזאלט, פון געזאלט, פון געזאלט...

מיר וועלען זיך דאן שטעלען אויף די קני,
און געבען זיך די הענט,
און זינגען שטיל און לאנג,
און זינגען לאנג און באנג,

דעם דאַזיגען געזאַנג:

גלעקלעך פון גאָלד,
גלעקלעך פון גאָלד,
קלאַנגען פון זון־אַראַנזש־גאָלד;
אַ מייסע וואָס האָט געזאָלט,
אַ מייסע וואָס האָט געזאָלט זיין,
און ניט געווען...

קאַראַהילד

1

אין שוואַרצען זיידען־קלייד, אין שלייערען פון קרעפּ געהילט,
ביזטו צום ערשטען מאָל פאַר מיר ערשינען, קאַראַהילד.
דו ביזט געקומען מיט דעם זיפץ פון שאָטענס אין דער נאַכט,
און אויפגעפלאַטערט האָט אַ טרויער־זעגעל אויף מיין שיף פון שלאַכט,
און באַנג געשאַרכט אינ׳ם לעצטען שלוכצען פון דערשטיקטען ליכט,
וואָס איז פאַרצוקט געוואָרען פון דער פינסטערניש, געדיכט.
דו האָסט קיין וואָרט געזאָגט. דיין אויסגעשטרעקטער אָרעם בלויז —
אַ ווייסער שוואַנען־האַלז זיך טוקט אין טונקלען וואַסער־שוים —
האָט שטיל און שטאָלץ באַריהרט מיין האַרץ, מיין אויג, און ביזט
אוועק —
אַ שוואַרצער שוואַן האָט אָפּגעגליטשט צום נאַכטליך־וויטען ברעג.
ווער האָט געשיקט דיך, און ווער ביזטו, שוואַרצע קאַראַהילד?
אַ שטראָף? נעקאָמע פאַר אַ זינד? צי גאָר אַ וואַנדעל־בילד?
און האָט מיין ערשטער טאָג געגעבען בלויז דערפאַר אַ שיין
אַז דו, אָ, קאַראַהילד, זאָלסט קאָנען טריאומפירען: „מיין“?

2

איך געה אין פינסטערניש. מיך פיהרט א לאנגע לענטע קרעפ,
אראפ, אראפ, אראפ און טיפער אלץ אויף ווינדעל־טרעפ.
און אונטען דארטעןווארט — א גיריגע — מיין לעצטע שא.
און דו, געביטערישע קאראהילד, ביזט דארטען דא.
דו ווארטסט אין טונקלען קעלער, וואס קריגט זיין איינציגען שיין
פון דיינע אויגען, וועלכע ווארטען איך זאל זאגען: „דיין!"
דו ווארטסט געדולדיג. צעהלסט די שאטענס פון מיין יעדען טאג,
און יעדען בליץ פון מיינע אויגען, מיין הארצענס יעדען שלאג.
און באלד — בין איך דארט אונטען. איך און דו און קיינער מעהר.
פארשוואונדען גאר די וועלט. קיין שיין, קיין קלאנג קומט ניט
אהער.
בלויז דו און איך, און איך אזא ווי דו אליין פארלאנגסט,
בלויז דו און איך, און פון מיין זעל די טויטליך־באנגע אנגסט,
בלויז דו און איך, דיין אויגען־בליץ און ס' שלאגען פון מיין הארץ,
בלויז דו און איך, דיין אויג, מיין קלאפענד הארץ און ווייטער —
שווארץ.

קינדער

ערגיץ וואו אין א בוך זענען מיינע יאהרען פארשריבען,
און זיכער איז עס, אז איך בין איצט עלטער, ווי מיט פערצעהן יאהר
צוריק.
איך אבער וויים ניט מיינע יאהרען — וויל ניט וויסען,
ביז איך קום אויף קינדער.

אויף זייערע שטערענס — מיין אמאליגע דרייסטקייט,
מיין געוועזענע זיכערקייט;

מיינע טרוימען — איצט צערונענע.
אין זייערע אויגען — מיינע גאָלדיגע מאָרגענס,
מיינע גאָלדיגע מאָרגענס, וואָס זיינען געוואָרען הייגטען פון בליי;
אינ׳ם בויג פון זייערע צאַרטע, יונגע לייבער —
אַלע מיינע מעגליכקייטען און פאַרלאַנגען,
איצט פאַרלאַכטע, איבעריגע, אומנויטיגע.

זאָל איך ווערען בייז?
זאָל איך שרייען:
ווילט איהר מיינע ערטער חוצפּה׳דיג פאַרנעמען,
און די שפּורען פון מיינע פאַרלאָרענע קעניגרייכען נעקאָמעדיג פאַרשווענבען?
ווי קאָן מען אַבער זיין בייז אויף קינדער?

ניין, איך בין ניט בייז אויף אייך,
אַ ליבע, אַ אומגליקליכע!
אַ אומצעהליגע געשטאַלטען פון מיינע איכען!

ווערים

ווערים אַרום מיר.
ניט שעהן־שופּיגע, און זונשיין גלימצערענדע שלאַנגען,
נאָר ווערים.
גרויסע.
ווייסע.
פאַרבלאָזע.
דרעהען זיך אַרום מיר מיט דיקע, לויזע, ווייכע בייכער,

שטילע און שימעלדיג — פייכטע.
זיי פארשלינגען מיך ניט,
זיי וויקלען זיך ארום מיר פון אלע זייטען,
פאראומרייניגען מיך מיט דער פייכטער, קאלטער קלעפעדיגקייט
פון זייער הויט,

הויפען זיך אן אויף מיר,
אלץ שטארקער,
מעהרער,
ענגער,
טאיוועדיגער,
ביז איך ווער דערשטיקט, דערווארגען פון דער וויסער, ווייכער,
קלעפעדיגער מאסע.

דאס וועט זיין מיין טויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואו איז ער, דער אייביגער, אומפארמיידליכער, אויף אלע
ראגען לויערענדער, פינסטערער
שומר
וואס מענשען רופען : גאט ?

איך,
דער אטאם,
וואס לעבט, אז ער זאל האבען מיט וואס צו גרויסען זיך,
איך,
דער אטאם, וואס פארמאגט אין זיין טראפעל מארך
אלע זיינע וועלטען און אלע זיינע אמביציעס,
איך —
דער פונ'ם ערשטען טאג צום אונטערגאנג פארמישפעטער,

דעם געדוך פון זיין אייגענעם פוילען יעדען טאָג שפּירענדער,
וואָלט וועלען זעהן איהם
פּאָנים־על־פּאָנים ! . . .

העל

אָ, קרומע וועגען פון מיין האַרץ,
אָ, טהוימעס פון מיין זעל,
כ'האָב מוירע צו קוקען וואָס טיפער,
כ'האָב מוירע צו קומען וואָס נעהנטער
צום שוועל,
צום גרונט פון מיין זעל,
צו זיך
איז דאָרט שוואַרץ ?
ניין, העל.

איך !
איך און דו !
איך און זיי !
איך און איך !
צעהן איכס ! הונדערט. טויזענט.
— אַלע אין מיין זעל.
איז דאָרט שוואַרץ ?
ניין, העל.
העל ! העל !

אַלע וואַנזיניגע פון אַ דולהויז
— אין איין צעל.
און די צעל ברענט —
העל ! העל ! העל !

און די וואַנזיניגע ווערען קלאָר
פון שרעק.
זייערע אויגען זעהען העל...
זיי קלאַפּען אין די ווענט פון צעל:
עפּענט!
שנעל! שנעל! שנעל!
פון זייערע אויגען שפּאַרט די בלענדענדע וועל
פון צעשמאַלצענעם, אין שרעק צעגאַנגענעם וואַנזין,
(זייערע אויגען זעהען העל...)
זיי באַפאַלען איינער דעם צווייטען
אין דער ברענענדער צעל.
און אַרום איז העל —
פלאַמען רויט, פלאַמען געל,
פלאַמען רויט, פלאַמען געל.
ס'ברענט דער שרעק,
ס'ברענט דער וואַנזין,
ס'ברענט די אונמאַכט,
ס'ברענט דער געשריי אין דער פאַרשטיקטער קעהל,
ס'ברענט די גאַנצע צעל —
העל! העל!

מיין זעל —
איז דאָרט שוואַרץ?
ניין, העל.
העל!

נ. מינקאָוו.

פרעלוד

אנגעשטרענגטע רוה.
וואלגן פון געוועב —
פון מיין הארץ ביז אין דער ווייט אריין.
שטייפע אדערען,
שווערער שוויינען.
אלץ פארגליווערט —
פאר א שטורם.
שוויינ, מיין פיין.

ריזיגער שטורם.
וואלגן פון מיין הארץ אין לופט.
האסטיג —
ביז אין דער ווייט אריין.
אדערען — נאך שטייפער.
שוויינען — נאך שווערער.
אלץ אין האסטיגען לופט.
פארגליווער, מיין פיין.

קאלירלאזע וואנט פארבלענדט די אויגען.
בליצען.
אין הארץ פון קאלירלאזער וואנט
א ראד פון בליציגע שווערדען
אין האסטיגען דרעה.
בליציגע שווערדען האקען אפ
וואלגן פון מיין הארץ,
פליהען איבער מיין קאפ

און ווערען צעשמעטערט.
נאָך אַ טראָט —
די קאָלירלאָזע וואַנט הינטער מיר.

טיעף וואַסער...

טיעף וואַסער.
אויף דיין אויבערפלאַך וויברירט
מיין היציגע געשטאַלט.
אַ שלונג —
און שוין אין דיינע קאַלטקייטען.
אַ בליץ אין קאָפּ —
בלויז קרייזען אויף דיין אויבערפלאַך.

אויף דיין דעק —
ליגט רוהיג מיין געשטאַלט,
קלאָר — ווי דו אליין,
טיעף וואַסער.

וואַנזין —
דו זעהסט מיין היציגע געשטאַלט?
אזוי וועט אויך דיין אויבערפלאַך וויברירען,
ווען איך וועל ליגען אויף דיין דעק
אַ רוהיגער,
אַ קלאָרער.
וואַנזין —
קלאָר — ווי דיינע פלאַמען,
קלאָר — ווי דו אליין.

אַלעגראָ

אַלעס דרעהט זיך אַרום מיר.
לויפט האַסטיג.
פליהען קרייזען אַרום מיר.
איך פאַרגעה,
פאַרגעהען קרייזען,
ווערט אַלץ בלאַסער, בלאַסער,
ציטערט בלאַסקייט,
ציטערט בלאַסקייט בלויז.
עס רייסט מיין קאָפּ אַראָפּ,
שליידערט אָפּ,
קייקעלט זיך מיין קאָפּ אַראָפּ.
ניטאָ קיין ערד,
ניטאָ קיין הימעל,
ציטער בלאַסקייט,
ציטערט בלאַסקייט בלויז.

אַן אַכזערדיגער פויסט

אַן אַכזערדיגער פויסט
שטיקט מיר מיין האַלז.
מיין בלוט אין קאָפּ האָט זיך צעטאַנצט.
מיט העפקער־טענץ פאַרראַט עס מיך.
און שפּאַט פון מיר.
מיין בלוט האָט מיך פאַרראַטען.
און דאָרט, אין פינסטערען ווינקעל
קייכט מיין שאָטען.

יעדע נאַכט אַזוי,
אויג אויף אויג מיט זיך.

איך האָב פאַריאָגט דעם שוואַרצען ראָב

איך האָב פאַריאָגט דעם שוואַרצען ראָב
וואָס האָט אין מיינע געדאַנקען אַרומגעשוועבט.
איצט קלאַפּט ער הילפלאָז
אין די ווענטלאך פון מיינע אָדערען.
וואָס גויסעט אין מיין בלוט?

בלעטער

באַוואוסטלאָז
האָסטו געריסען בלעטער
פון דיין געגענוואַרט
און מיר דערלאַנגט.
אין מיין מויעך
פיהל איך די דערשראָקענע אויגען דיינע.
וואָס איז געשעהן?
איך לויף צו זיך אליין
דורך שלאַנגענדיגע קניימשען פון מיין זעל.
דאָ זיינען דיינע בלעטער
און זעה —
וואָס איז געשעהן?
וואָס פלאַטערען די בלעטער דיינע
ביי די פענסטער פון מיין זעל?
מיין שולד?
אָט פליהען זיי אַרום דורך מיר.
מיין האַנט האָט זיי פאַרכאַפּט
אין פויסט.

גאָרנישט איז געשעהן.
עס שלאָגט אַ היץ אין מיר

און אין מיין האנט —
צעקנייטשטע בלעטער,
בלעטער פון דיין געגענוואַרט.

אין דער פרעמד

פרעמדע, שטאָלצע טאָפּאָלען פאַר מיין פענסטער
לאָזען ניט פאַרגעסען אויף אַ רגע
אַז אין דער פרעמד בין איך.

איך ווייס, איך ווייס,
אַז טויזענטער ווי איך,
געפאַנגען דורך דער שטומער נאַכט,
וואַכען איצט אין שרעק,
אין איימעדיגען שווייגען.
זייט רוהיג —
ווייסט —
איך האָב אַ האַרץ
וואָס וואַכט פאַר אייך,
וואָס וואַכט פאַר מיר,
ווייל אין דער פרעמד זייט איהר,
אין דער פרעמד בין איך.

שטילע טענער...

שטילער טענער.
כמורער הימעל.
פויגעל רייסען זיך צו די וואָלקענס.
עס וועט רעגענען, מיין קרוין.
פויגעל וועלען ערגעץ־וואו פאַרפליהען,
מיט פאַרנעצטע פליגעל.

מאַטע טענער.
מיין פאַרוואָלקענט האַרץ.
און דו, מיין בענקשאַפט, רייסט זיך צו די וואָלקענס הויך.
עס וועט רעגענען, מיין קרוין.
און דו, מיין בענקשאַפט, וועסט פאַרפליהען ערגעץ־וואו
מיט צופליקטע פליגעל.

וויוויאַנאַ

1

מיר איז דיין אָדלער, וויוויאַנאַ.
האַלט אַף דיין אָטעם.
זעהסט דעם קרומען שניט אין לופטען
ביז די וואָלקענס?
זעהסט דיין אָדלער שטעהן,
ביים בלאָסען זוים
פון גרויען וואָלקען דאָרט,
און רוהען?
איצטער —
אונטער אַ רויטען הימעל
שטעהט ער אויף אַ שוואַרצען שטיין
און לאָזט זיך פון אַ שטאָלענעם רעגען שטעכען.
מיר איז דיין אָדלער, וויוויאַנאַ.

2

דו האָסט ניט געוויינט...
עס האָבען טרערען בלויז געציטערט
אין דיינע אויגען
— און מיך געשראָקען.
אַ שאָטען איז געפאַלען צווישען אונז.
דו ביזט פאַרשוואונדען.

3

וויוויאַנאַ —
אויף דיין קאָפּ
אַ דערשראָקענע כוואַליע.
אין דיין פּאָנים —
בלאַסקייט באַהערשט די אומרוה.
דער מאַרמאָר אַרום די ליפּען דיינע
מאַנט:
פיהלסטו ניט דעם אָטעם
פון די רויטע בלומען
וואָס וואַקסען אויף דיין ברוסט?
וואָס שווייגסטו?
— — — — — — — — — — —
וויוויאַנאַ —
מיין האַרץ האָט דערפיהלט
די דערשראָקענע כוואַליע,
וואָס אויף דיין קאָפּ.

4

אַ ווייסע כוואַליע איז צום ברעג דערלאָפען
און אָנגערירט מיין נאַקעטקייט.
איך האָב דערפיהלט איהר שאַרפע קאַלטקייט
אין אַלע מיינע גלידער.
איצט ציטערט דאָרט מיין פרייד.
זעהסט מיין שטאַרקען אָרעם?
זעהסט מיין קלאָרען פּאָנים?
פיהלסט מיין ריינעם אָטעם?
אַלץ פאַר דיר, וויוויאַנאַ...

צו א פּאַראַליזירטער

דו טראַגסט
דאָס לעבען און דעם טויט
פאַרקניפּט אין זיך.
און הויכסט אויס
אין דער צווישען־ליניע
פון די קעמפּענדע צדאָדים
דיין אייגענעם אומגליק
מיט זיך אַליין.
איצט זיצסטו —
און פּיהרסט אַ לוסטיגען געשפּרעך,
און לאַכסט,
און זעהסט גאַרניט,
ווי בלאַסע פלאַמען
פון דיין טויטען טייל
צערען לאַנגזאַם
אַלץ מעהר און מעהר
דיין לעבעדיגען טייל.

איך —
איך זיץ איצט אין אַ ווינקעל,
ווייט פון דיר,
און פיהל,
ווי מיין בלוט
גלעט דיינע פאַרדאַרטע גלידער
און וויל פאַרלעשען
די בלאַסע פלאַמען,
וואָס צאַפּלען זיך
אויף די ברעגען פון דיין אומגליק.

און די ראַמען אַרום מיינע אויגען
ציטערען,
ברענען
אין אַ דינעם, שאַרפען געוויין.

בערסעז

בלאָס־גרינע כוואַליעס —
בלאָס־גרינע כוואַליעס — לעבען מיינס,
מיד בין איך פון אייך.
זאָל אָנקומען אַ ווייסער וואַל
און וויגען אייך און וויגען,
באַרוהיגען,
פאַרוויגען,
און איינשלינגען ביים בלויען שיין.
קומען וועט אַ ווייסער וואַל.

בלאָס־גרינע כוואַליעס —
ביים בלויען שיין פאַרשלונגענע.
בלויער שיין —
איך האָב ניט אָנגערירט מימאָזען
ביי די ברעגען דיינע,
און זעה —
ווי אומריין זיינען מיינע פינגער,
און איך אַליין —
פאַרטרוי ניט קיינעם
— בלויער שיין —
מיין בלינדען סאָד,
וויל —
ס'קומט אַ ווייסער וואַל.

ווייסע כוואַליעס — לעבען מיינס,
איך הער —
איהר האָט אַ זיך געטאָן
און אויפגעקאָכט אַביסעל זילבער־שוים.
באַלד וועט איהר פאַרלאָשען זיין,
און שטיל,
שטיל.
איך?
ווייסע כוואַליעס —
אַלץ וועט זיין פאַרלאָשען.
אַלץ וועט שלאָפען.

איך וואַרט אויף איהם...

פון אַ בלוטיגער צעל
בין איך אין קאָנוואולסיווען פיין אַרוים.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— געה!
איך בין געגאַנגען.
טעג און יאָהרען.
איבער מיר — די שאַרפע זון,
שטיינער אונטער מיינע פיס.
געהענדיג האָב איך אַראָפּווישען געוואָלט
דאָס בלוט וואָס האָט מיין לייב באַדעקט,
האָב איך מיין הויט געשיילט
און האָב נאָך מעהר צעבלוטיגט זיך.
די וואונדען האָבען מיך געברענט,
בין איך געבליבען שטעהן.

— קום!
בין איך געקומען.

איך האָב דאָרט קיינעם ניט געזעהן.
שטילקייט האָב איך בלויז דערהערט.
האָט די שטילקייט מיך געמאַטערט.
בין איך שטעהן געבליבען.

איצטער —
שאַרפע ביינער,
אַקשאַנעסדיגע ציין,
איבער מיר נאָך אַלץ די שאַרפע זון,
שטיינער אונטער מיינע פיס.
דאָ בלייב איך אייביג שטעהן.
איך וואַרט אויף איהם
וואָס וועט מיר איצטער זאָגען:
— געה און קום.
איך וואַרט אויף איהם.

אַלפרעד בערזשע!

אַלפרעד בערזשע! דערלייז די וועלט!
געדענק, דו האָסט געשריען — וויוו לאַ פראַנס! —
ווי אַ לייב האָסטו געקעמפט
און אַ צעריסענער ביזטו געפאַלען טויט.
דיין בלוט, וואָס האָט וועררדון באַשפריצט
שרייט צו דיר:
— אַלפרעד בערזשע!
— דערלייז די וועלט!

די דווירעס,
וועמעס רוף דער דולער הונט האָט איינגעזאַפּט אין זיך

און האָט געשריען פון זיין גאַל:
איבערמענש! פאַראויס! פאַראויס! —
די דוירעס ליגען איצט מיט אונז אין אונזער בלוט
ביי דעם ווערדון געשאָכטענע.

און ווען דו וועסט דעם צערבער
אין דער אונטערוועלט דערזעהן,
רייס פונאַנדער צערבער'ס פיסק
און שריי:
העי, גייסטער, שאָטענס!
פאַרטיליגט איז הער אויבערהונט!
אַרויס, אַרויס פון אונטערוועלט צו דעם ווערדון
און שעכט זיך גלייך מיט אונז צום לעצטען שלאַכט.

און זיגען וועט דער טויט אליין
אויף א רעגע נאָר —
און נאָך זיין זיג שטאַרבט ער גלייך נאָך אונז,
אין אונזער בלוט,
און די דערלייזונג קומט.

ווערדון, ווערדון, וועט בלייבען איינזאם אין דעם וויסטען
רוים.
און וועט היטען אין דער לאַנגער, טויטער נאַכט
די ערד, דעם טויט
און אונז, און אונז...
אלפרעד בערזשע! דערלייז די וועלט!
געדענק דו האָסט געשריען: וויוו לא פראַנס!

נאָווי

איבער מיין קאָפּ
האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ סטאַיע פויגעל.
מיין האַרץ —
עס האָט זיך אויף אַ רעגע אָפּגעשטעלט.
צעפּלאָקערט האָט זיך אין מיין האַרץ
אַ סוידעסדיגער פייער —
פון נעוואָוע.
— און בלינדע האָבען מיט ערשטווינטען שרעק
דאָס ליכט דערזעהן.
געפאַלענע און קראַנקע
הויבען זיך אין גלויבען,
און קינדער לאַכען הילכיג.
מיט איימע האָט אַן אַלטער נאַר
געפּלאָפּעלט צו זיין זוהן:
„זעה, זעה, דער נאָווי געהט...
דו זעהסט?
אַ ליכט-קוואַל שלאָגט
פון זיין צעצאַפּעלט האַרץ.
עס האָט נאָך קיינער ניט באַרירט דעם הימעל
מיט זיין קאָפּ, ווי ער...
און פליהען איבער איהם קען קיינער, קיינער...“

עס האָט אַ סטאַיע פויגעל
זיך אַ לאָז געטאָן איבער מיין קאָפּ.
און איך —
אַ בלינדער.
עמיץ האָט מיין ריע אויסגעלאָשען.
איך געה אַליין אין פינסטערניש
פאַראויס, פאַראויס און קלאָג.

מיין לײמענע סטאַטוע, דער מאַרקיז

שמוציג־ברוינע נאַכט,
וואָס האָסטו
דײנע בײנערדיגע שפּיזען־פינגער
געלאָזט אין מײן דיאַפראַגם?
שמוציג־ברוינע נאַכט,
דו ווילסט מיר פאַרמאַכען
די ברעמען פון מײן זיכערקײט?
דו ווילסט
אַז איך זאָל ווערען שמוציג־ברוין,
אַזוי ווי דו?
דו הערסט? —
איך האָב דאָך לעצטע נאַכט
דערשטיקט די מאַכשײפע,
וואָס האָט געוואָלט
אויף מײנע אויגען
לײגען שערבלאַך.
שמוציג־ברוינע נאַכט,
אַ גרויער טאָג
האָט דיך געבראַכען
און האָט מיר אַנגעזאָגט,
אַז אויף דעם בוזים פון מײן פּאַכאַד
שטעהט מײן לײמענער מאַרקיז,
מײן לײמענער מאַרקיז אין רעווערענסען.
אַ בליץ פון אומבאַוואוסטזײן.
איך מאַך אַ טיפען בויג פאַר איהם,
און קוק זיך שנעל אַרום,
איך בין גאַר אויך אַ לײמענער
ווי ער,

מיט סקאַלענדיגע ציין.

געיאָגט פון פּאַכאַד,
לויף איך
דורך אַלע אָדערען
פון מיין זיכערקייט.
אַנטקעגען מיר — מאַרקיזען.
וואו איך לויף — מאַרקיזען.
אומעטום — מאַרקיזען.
און סקאַלענדיג די ציין,
מאַך איך פאַר יעדערען פון זיי
אַ רעווערענס
און קוק זיך איין —
די אַלטע מאַכשייפע גאָר
הויך דעם קאָפּ פאַררייסען...

שמוציג־ברוינע נאַכט.
געדענקט האָב איך:
— מען וועט שוין מעהר
ניט לעגען שערבלאַך
אויף מיינע אויגען.
און איצט —
איך זעה, איך זעה,
איך שטעה גאָר פאַר דער מאַכשייפע,
שטעה מיט סקאַלענדיגע ציין
אין רעווערענסען,
אַלץ אין רעווערענסען.

ביי מיין טיר

א גאַנצע נאַכט
האָב איך געוואַרט
אויף דיר, מיין מאַרגן.
א גרויער אַלטער ביזטו געקומען צו מיר.
דיינע זאַרגן
זענען, ווי טויטע פינגער,
געלעגן אויף דיינע אויגן.
א בלינדער ביזטו געשטאַנען ביי מיין טיר.
איבער מיר,
איבער דיר,
האָבען וואָלקענס, דיק און שווער,
זיך אָנגעהויבען שפּרייטען.
האָב איך געוויינט?
האָסטו געוויינט?
ווי שווערע טראָפּענס טרערען
פאַלט דער רעגען פון אַלע פּלויטען.

קינדער פון גרויסען אומגליק

קינדער פון גרויסען אומגליק
ציהען מיר, ווי די שמעטערלינגען
אין די טונקעלע וועגען
צום פייער פון אונזער גליק
וויפיל פון אונז קערען זיך אום צוריק?
ווי די פאַרברענטע שמעטערלינגען
ליגען מיר ביי די טויערען פון אונזער גליק.

צו א שעהנהייט

די קינדער פון דיין שטיפערישער יוגענד
ליגען שוין טויט אין דיינע אויגען;
און וואלט איך ווייסע בלומען
געטונקען אין דיינע טרערען,
וואלטען זיי רויט,
רויטער ווערען.
עס האט דיך א בייזער גאט
פאר זיין לוסט באשאפען,
און זוכט דיך אצינד צו צעשטערען.

זיינען מיינע טעג געוועז געפאנגען...

זיינען מיינע טעג געוועז געפאנגען,
און איבער מיינע נעכט א שווארצער סאד איז אויפגעגאנגען,
האב איך געוויינט אויף מיינע טעג, וואס זיינען פארגאנגען
און אויף די נעכט, דערשטיקטע אין פארלאנגען.
האב איך געטראכט, אז ווען איך וועל צעברעכען
די ווענט מיט שימעל איינגעדעקטע,
וועלען מיינע טעג, ווי אדלערס, זיך א הויב טאן
צו הימלען ניי־אנטפלעקטע.
האב איך צעבראכען די ווענט, און בין ארויס.
דאס פלוצימדיגע ליכט, וואס איז געפאלען
איבער מיר און מיין הויז,
האט מיך פארווירט
און ווי א בלינדען אויף די גאסען אומגעפירט.
האב איך צוריק געבענקט נאך מיינע טעג,
וואס זיינען געוועז געפאנגען
און נאך די נעכט דערשטיקטע אין פארלאנגען.

דיינע רייד

דיינע רייד
זענען צו מיין האַרץ ניט דערגאַנגען.
מיינע בלינדע געפיהלען
האָסטו געפאַנגען — ניט גענומען.
ווי צוויי פרעמדע —
נאָר וואָס נאָהנטע —
זענען מיר זיך צעגאַנגען.
ווי די שפּעט־נאַכט־גאַסיגע לאַמטערנעס,
אַזוי אומרוהיג האָבען געברענט
די פּאַקלען פון מיינע פאַרלאַנגען.

עס טרעפט אָפּטמאָל

עס טרעפט אָפּטמאָל,
אַז מיינע קינדער יאָהרען
קומען צו מיר אין הויז.
זעה איך מיך דאַמאָלט
אַ קליין קינד די גרויס;
צינד איך אַן אַלע ליכטער
אין דעם גרויסען זאַל פון מיין געמיט;
הער איך אויף זילבערנע פליטען
שפּילענדיג דאָס ליד פון מיינע יאָהרען;
ווערען גרעסער מיינע שאָען,
ווערען שענער מיינע מינוטען,
און וויזיאָנען שוין לאַנג פאַרגעסענע
לעבען ווידער אויף אין מיין זיקאָרען.
און ווען ביי מיין טיר דערזעה איך
שוין מיינע קינדער־יאָהרען — — —

שרייַ איך זיי נאָך:
קינדער פון מייַן יוגענד,
אייַך וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

צו מייַנע מיטעל־יאָהרען,
רעד איך ווי א דערוואַקסענער מענש.
מיט זיי פאַרברענג איך
איבער דעם שטויב פון ערנסטע ביכער,
וואָס לעגען זיך ווי שווערע וואָלקענס
אויף מייַן נעשאָמע.
ווען זיי פאַרלאָזען מיך, רוף איך זיי ניט צוריק, —
נאָך די מיטעל־יאָהרען בענקט קיינער ניט.
צו מייַנע אַלטע יאָהרען
וועל איך שוין גאָרניט רעדען;
ווי א פאַרמישפּעטער וועל איך זיצען
אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק פון לעבען,
און וועל קוקען און שווייַגען.

צו די פאָעטען

א פרעמדער
בין איך פאַר אייַך פאַרבייַגעגאַנגען.
מייַן גאַנג האָב איך בייַ דער גרענעץ
פון אייער רייַך אָפּגעשטעלט.
צווישען אייערע געצעלטען
האָב איך מייַן ווילע אויפגעשטעלט.
אויף דער פאָן,
וואָס איך האָב אויף דעם דאַך אַרויפגעצויגען,
האָב איך אויפגעשריבען:
דאָס ליד פון דעם איינזאַמען.

דער פּרעטענדענט

ער האָט זיך אויף דעם טראָן
פון דעם לעזער אַרויפגעכאַפּט,
און אַ מיצעל פון אַ פּאַיאַץ
אויף זיין קאָפּ אָנגעטאָן.
מיט דער ליכט פון אַ קורצזיכטיגען
בלאָזט ער
בלעזלער שפּייעכץ אויף מיר.
נאַר!
ווען איך וואָלט דיר
דאָס גאַנצע גאָלד פון הערבסט אַוועקגעשאַנקען,
וואָלט עס אַרום דיר
ווי די צויטען
פון אַ צוריסען דאַמען־קליידעל
נאָכגעהאַנגען.

איז מיר שווער געווען

איז מיר שווער געווען,
האָב איך די שטיינער פון מיין האַרץ געוואָרפען.
זיינען זיי אין נאַכטיגען טהאָם געפאַלען
און בלוטיגע צוריקגעשפּרונגען.
האָב איך מיינע אויגען צום טאָג אָנגעשטריינגט,
זיינען די שוואַרצע שאָטענס,
ווי אַ מאַרש פון טויטע,
פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען.
האָב איך אין מיטען דער נאַכט
פון אַ שטריק געטראַכט.
איז מיין לעבען מיר צו די פיס געפאַלעןי

און זיך געבעטען —
— אומגליקליכער!
זעה, די נאַכט בענקט דאָך
נאָך די ווייסע שאָטענס פון טאָג
און דו!
ווער האָט אין מיטען פון דיינע וועגען
אַלע בריקען איבערגעשניטען?
איך האָב פאַראויס געקוקט
און גאָרנישט געזעהן.
פאַר מיינע פיס
איז מיין לעבען אַ יאָמערדיג געלעגען.

דו וועסט קומען...

דו וועסט קומען
מיט דעם גאָלדענעם זאמד פון דעם מידבער
אויף דיינע פיס;
מיט די פאַרבען פון אַ שוין לאַנג פאַרגאַנגענער זון
אויף דיין קאָפּ.
פון דיינע ליפּען וועט זיך טראָגען
דאָס געלעכטער פון מיינע פריידיגע טעג.
איך בין אַמאָל אַ קעניג געווען,
האָב איך מיך פון מיין קרוין באפרייט.
מיין סצעפּטער
האָב איך אַ בעטלער אָפּגעגעבען,
ווייל אין דיינע אויגען
האָב איך דעם גלאַנץ פון מיין קעניגרייך געזעהן,
דער מידבער פון מיין פרייד.

4736